יודען, העלפט די קרבנות פון די היטלעריסטישע רדיפות!

צוועלפטער יאהרגאנג. № 31

Należytość pocztowa opłacona ryczałtem.

פרייז 20 גראָשען.

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

ערשיינט יעדן פרייטאג.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע:

עדרעסע אלעע 6. — טעלעפאן 201

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek d. 28 lipca 1933

ליכט-צינדען 7,16

פרייטאָג, פ' דברים ה' אב תרצ"ג.

Biblioteka Jagiellońska
Kraków
Zw. Anny 12

בעקאנטמאכונג.

זונטאג, פ' ואתחנן, ד. 30 ליפיעץ 1933 י.

4 א זייגער נאכמ. קומט פאָר

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון

„מחזיקי הדת" אין אייג. לאקאל, נאדרזשעטשנא 42.

טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג. 2) וואהלען פון א פאָרזיצענדען פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג. 3) דין-וחשבון פון דער טעטיגקייט פון 1.1 1932 ביז'ן 1.1 1933 י. 4) בודושעט פארן נייעם יאהר. 5) פריע פאָרשלאגען. 6) וואהלען פון 3 פערוואלטונגס-מיטגליעדער אנשטאט די ארויסגעהענדע לויט'ן פאראגראף 24 די ה"ה: שמואל גאלדשטיין, יוסף שמעון קאָבלינץ און המנוח וואָלוויש באָרנשטיין ע"ה

בעמערקונג: אויב עס וועט נישט זיין די גענוגענדע צאהל מיגלידער קומט די פערזאמלונג פאָר דעם זעלבען טאג 5 א זייגער אוונד.



Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo Warszawa, Fredry 4.

Komunikat dla członków Akademickiej Młodzieży Sjonistycznej.

We wtorek 1 sierpnia b. r. odbędzie się w lokalu przy ul. Dąbrowskiego o godz. 17-30 dalszy ciąg referatu kol. Fiszpana n. t. „Ogólny sjonizm".

Pół godziny przed referatem t j. o godz. 17-ej zebranie informacyjne dla abiturjentów tegorocznych.

W czwartek, dn. 3 sierpnia b r. odbędzie się o godz. 17-30 w lokalu przy ul Dąbrowskiego referat kol. kol.: Herca i Kaufmana n. t. „Studenterja we Włoszech".

מעלדונג.

שבת פ' דברים 5 נאָכמיטאג אין לאָקאל פון מזרחי אלעע 5 וועלען רעפערירען א. ד. ט.: „וואס האבען אונז געלערנט די וואהלען צום 18 ציוניסטישען קאָנגרעס ה' ש. גאָלדשטיין א"א.

פון ציונ. אקאד. פערבאנד.

פאָריגע וואך איז פארגעקומען ביי אונז אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג, אויף וועלכער די פערזאמעלטע האבען אקצעפטירט דעם רעאָרגאניזאציאָנס פראָגראם פארגעשטעלט דורך דער פערוואלטונג, נעמליך מען האט די קולטורעלע ארבייט איינגעטיילט אין צוויי רעפעראַטען: 1) ציוניסטישע און 2) אלגעמיין וויסענשאפטליכע.

וואָרנונג.

מיר וואָרנען דעם ה' משה יחזקאל ערליך דאס אויב ער וועט נישט דערהאלטען די דעציזיע פון סאָנד וועלכע ער האט גוטוויליג אקצעפטירט זיך ארויסצוציהען פון דער וואוינונג וואס ער פערנעמט ביז'ן 1.8 1933 דערפאר האבען מיר איהם געשענקט 1000 זל. וואס ער איז שולדיג פאר 6 קווארטל דירה-געלד, וועלען מיר געגען אונזער ווילען, זיין געצווינגען אויסצונוצען די רע.ט, וואס דער סאָנד האט אונז אנערקענט.

די אייגענטימער פון הויז

אלטער מארק 11.

יודיש.דראמאטיש טעאטער אין פוילן

ווילנער טרופע

— XVIII יאהר —

אנפ. מ. מזאה.

היינט, פרייטאָג און מאָרגען שבת 4 נמ. און 9 אָוונד אין קינאָ „אטלאנטיק"

שריי, כינע!

א פאסירונג אין 9 רינגען פון סערגיי טרעטיאקאָוו. יודיש: מ. מ. רעזשי: יעקב ראָטבוים.

סצענ. אויספירונג: שמעון סירקוס. קלאנגען מאָנטאזש: ה. קאהן.

ארטיסטען-פערסאנאל:

מרים אָרלעסקאָ, חבל בוזגאן, רבקה גאמארסקא, אסתר גאלדענבערג, דוד ליכט, יעקב מאנסדארף, נחום מעלניק, משה פאָטאשינסקי, יעקב קורלענדער, דבורה ראָזענבוים, דניאל שאפירא, רבקה שילער שמואל שעפטעל א. א.

בילעטען צו בעקומען א גאנצען טאָג אין דער מלוכה-קאָלעקטור ס. האפטקא און ס. באָרזשיקאָווסקי אלעע 2 מארגען שבת פון 11 פריה ביי דער קאסע.

אדמ. ב. עפשטיין.

בעמערקונג: שבת 2 פאָרשטעלונגען 4 בייטאָג פאָפולערע פרייזען און 9 אָוונט.

די פירמע

W. Bończyk i J. Wajnblum

סקלאַד פון קויהלען און קאָקס

אלעע וואָלנאָשטשי 49. טעלעפאָן 13-39.

מאכט בעקאנט דער ג' קונדשאפט, אז נאך א לענגערן איבעררייס ווערט ווידער געפיהרט קויהלען פון ערשטער קוואַליטעט פון די גראָבען יוליוש קאָזשימיערז וועלכע ווערען פערקויפט צו צוגענגליכע פרייזען.

די געפעל. בעשטעלונגען בעטען מיר צו ווענדען אויף פאָלגענדע אדרעסען:

אלעע וואָלנאָשטשי 49, קילינסקי-גאָס 4, גאריבאלדי-גאָס 5.

שנעלע און סאלידע ערלעדיגונג!

בעמערקונג: די ערפאהרונג האָט בעוויזען, אז קויהלען פון דער גרובע יוליוש-קאָזשימיערז אויבוואהל ס'איז אין פרייז עפיס טייערער, איז עס אין דער קאלקולאציע פיעל ביליגער פון אנדערע קויהלען, הויפטזעכליך פון די, וואס ווערען געברענגט דורך פויערים.

אכטונג עלטערן!

די עלטערן, וועלכע האָבען בדעה, אז זייערע קינדער זאָלען שטודירען אין קאַטאָוויץ, אין די פאָלגענדע שולען: האנדעלס-שולע, קאָנסערוואַטאָריום, האַנדווערקער-שולע, וועלכע זענען מלוכה'שע און די אָבצאָהלונגען זענען מינימאַלע און ווילען, אַז זייערע קינדער זאָלען גלייכצייטיג האָבען גוטע בעקעסטיגונג און אויך זיין אונטער א זעלטענער השגחה זאָלען זיך ווענדען אין רעדאקציע „טשענסטאָכאָווער צייטונג, וואו זיי וועלען בעקומען גענויע אינפאָרמאַציעס.

נוצט אויס די געלעגענהייט!

נ"ע טויבע פון דערהיים ראָמאַן זוזאָווסקי

איז געשטאָרבען נאָך לאנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 65 יאָהר.

די לויה איז פאָרגעקומען זונטאג, דעם 23-טען יולי 1933 י.

(כ"ט תמוז תרצ"ג).

וועגען וואָס עס מעלדען די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

מאַן, טאָכטער, זיהן, שנור, איידעם, כלה און אייניקלעך,

ראטעוועט דאס געזונד

די בערימטסטע ערצטליכע וועלט-פערזענליכקייטען האָבען פעסט געשטעלט, אז 75 פראצ. קראנקהייטען ענטשטעהען צוליב אבסטרוקציע.

א קראנקער מאָגען איז די הויפט-סיבה פון ענטשטעהען פון פערש. קראנקהייטען, פערגרעסערט דאָס בלוט און שאפט א שלעכטע שטאָף-וועקסלונג.

די בעריהמטע זייט 50 יאהר אין דער גאנצער וועלט

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera

ווי דאס האָבען בעשטעטיגט די פראָפ. פון בערלינער אוניווערזיטעט ד"ר מארטין, ד"ר האכפלעטער און א סך אנד. [illegible]

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera

בעזייטיגען די ליידען פון די לעבער, נירען, גאל-שטיינער, המערוידן-ליידען, רעומאטיזם און ארטעריטיס, קאָפ-ווייטאָג, אויסשיטען און ליישיאַס.

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera

זענען געוואָרען בעשאנקען אויף די ערצטליכע אויסשטעלונגען מיט די העכסטע אויסצייכנונגען און גאָלדענע מעדאַלען אין בארען, בערלין, וויען, פאריז, לאָנדאָן און אין אנדערע שטעט. ד"ר לאוער האָט בעקומען טויזענדער דאנקזאגונגען פון אויסקורירטע. פרייז פון א האלב שאכטעל 1.50 זל., א גאנצע שאכטעל 2.50 זל.—פערקויף אין אפטייקען און סקלאד-אפטעקען.

Grand-Kino

קאָשטשושקי גאס.

לעצטער סעאנס 9.40 אוו.

צוויי גרויסע פרעמיערעס.

קרימינעל-פסיכאלאָגישע דראמא

MORDERSTWA przy RUE MORGUE

CHARLIE RATUJE EUROPĘ

שבת און זונטאג האלב 1 א זייגער מיטאג-סעאנסען פון דאָפעלטען פראָגראם:

PODNIEBNI RYCERZE

DZIWNY DOM

און פאר די, וועלכע האבען נאך נישט געזעהען דעם פילם

נידער מיט אונזערע שונאים!

קאראלוכען, פרוסאקען און ענליכע ווערים דאס זענען די פערשפרייטער פון פערשידענע, אנשטעקענדע קראנקהייטען, מען מוז זיי גרונדליך אויסראָטען נאָר מיט דער הילף פון בעסטען ראדיקאלען מיטעל, וואָס פערפיהרט נישט און דאס איז

FLURIN

פאָדערען אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאדען.

דאָס געבאָט פון דער שעה!

די לאַגע אין דייטשלאַנד פערבעסערט זיך נישט, נאר ווערט פון טאָג צו טאָג ערגער.

עס איז שוין פאַר קיינעם קיין ספק נישט, אַז די יעצטיגע מושלים אין דייטשלאַנד פיהרען אַדורך זייער יודען-פּראָגראַם מיט דער גאַנצער ריקזיכטלאָזיגקייט.

אמת, מען רופט יעצט נישט עפענטליך צו באַיקאָטירען יודען, מען מאַכט אויך נישט קיין עפענטליכע פּאָגראָמען, דערפאַר אבער ווערט די אויסראָטונגס-פּאָל[illegible]-יודען אַדורכגעפיהרט לויט'ן „געזעץ" און דאס מיט דייטשער פּונקטליכקייט.

ס'איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר, אַז מיט דער היטלעריאַדע וועט מען זיך נישט קאָנען אַדורכרעדען, אַז זי זאָל ענדערן איהר פּאָליטיק, ווייל דאס איז דער רוקען-ביין, דער גאַנצער מהות פון זייער עקזיסטענץ ובכן דאַרף מען זוכען אַנדערע מיטלען, וועלכע דאַרפען שוין אויסגענוצט ווערען, כדי צו קומען צו הילף אונזערע דייטשע ברידער.

מיר זענען דאס דער עם חכם ונבון, דער עם הספר און ווער נאָך ווי מיר זענען בעריהמט מיט דער מדה פון בני רחמנים, וועלכע פיהלען מיט דעם צער פון די אייגענע ברידער און זענען גרייט זיי צו העלפען.

די צרה איז אָבער, וואס מיר חכר'נען זיך צופיעל ביי יעדער קלייניגקייט און מען מאַכט פון אַלעם פּראָבלעמען, וועלכע דאַרפען ערלעדיגט ווערען אין דער ווייטער צוקונפט. דערווייל אָבער געהט דאס דייטשע יודענטום אָב אין בלוט, ווערען טאָגטעגליך טויזענדער יודישע עקזיסטענצען חרוב.

מען ווענדעט זיך צום פעלקער-בונד אז ער זאָל שיקען אַנ'אויספאָרשונגס-קאָמיסיע קיין דייטשלאַנד; מען גריבעלט זיך אויך צי היטלער שטאַמט פון יודען, אָדער ער איז א ריינער אריער; מען ערקלערט באָיקאָטען אויף די דייטשע סחורות און מען זאַמעלט אויך געלדער צו געבען קאָנסטרוקטיווע הילף די דייטשע פּליטים.

די אַלע טעאָריעס זענען טאָקי גוט און וואויל, אָבער דאס איז אַלץ צוקונפטס-מוזיק. עס דאַרף אָבער ביי אונז שוין געשטעלט ווערען די פראַגע וועגען די פוילישע יודען אין דייטשלאַנד, וועלכע זענען אינגאַנצען געבליבען אָהן שום הילף.

ווער עס אינטערעסירט זיך נעהנטער מיט דער לאַגע פון די יודען אין דייטשלאַנד, וואו טאָג-טעגליך ווערען פוילישע בירגער, יודען, אויסגעוויזען און מוזען אין פערלויף פון 4 וואָכען פון דאָרט אַרויס, איבערלאָזענדיג דאס האָב און גוטס אויף הפקר, נישט האָבענדיג אַפילו וועמען עס צו פערקויפען; וואו עס ווערען קאָנפיסקירט פערמעגענס פון פוילישע בירגער, וועמעס פערצווייפלונג און נויט איז אונגעהויער און וועלכע געהען אַרום נאָר מיט דעם איינעם געדאַנק, אַז דאס פוילישע יודענטום צוזאַמען מיט דער פוילישער רעגירונג וועט זיי קענען העלפען — און ווען דאס אַלץ ווערט צושוואומען ווי זייפען-בלאָזען מיט בלויז אָבהאַלטען אסיפות, דער קען פערשטעהן וואס עס הייסט באמת קאָנסטרוקטיווע הילף.

עס איז מיר אויסגעקומען צו רעדען מיט פערשידענע פליטים, וועלכע זענען געקומען די לעצטע טעג פון דייטשלאַנד; זיי ערקלערען מיר, אַז די פערצווייפלונג צווישען די דאָרטיגע יודען איז אין לשער. אויב דאס פוילישע יודענטום וויל נישט, אַז עס זאָלען נאָך פאַלען אַהערקומען 60 טויזענד יודען, וועלכע עס דראָהט דאָ צוזאַמען מיט די פוילישע יודען צו ליידען הונגער און נויט, איז נויטיג א שנעלע האַנדלונג און א פּאָזיטיווע, וועלכע בעשטעהט אין 2 זאַכען: 1) צו אינטערווענירען ביי דער פוילישער רעגירונג אבצושטעלען די אויסווייזונגען פון דאָרטיגע פוילישע בירגער, 2) די הילפס-מיטלען, וועלכע זענען אין פוילען געשאַפען געוואָרען, זאָלען פערטיילט ווערען צווישען די דאָרטיגע יודען פון פוילען, ווי אויך פאַר די, וועלכע קומען נאָך פוילען אָדער עמיגרירען אין אַנדערע לענדער, ווייל, ווי עס איז בעוואוסט, געניסען נישט די פוילישע יודען אין דייטשלאַנד פון די געזאַמעלטע הילפס-געלדער.

אין טשענסטאָכאָוו איז אויך פערהאַן א הילפס-קאָמיטעט און ווי מען שמועסט זאָל ער האָבען געזאַמעלט א פּאָר טויזענד זלאָטעס. עס זענען אויך דאָ אהערגעקומען טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט, וועלכע ווילען עמיגרירען קיין ארץ ישראל, נאָר עס פעהלט זיי אויס די נויטיגע מיטלען.

דאַרף זיין די אויפגאַבע פון קאָמיטעט זיי צו הילף צו קומען אין זייער נויט און געבען זיי די מעגליכקייט זיך איינצואָרדנען אין זייער נייער היימאַט.

דאָס איז דאס געבאָט פון דער שעה!

ב. ן.

ביי גרוי-געלבער הויט-פאַרבונג,
מאַטקייט פון די אויגען, איבלען, טרויריגער געמיטס-שטימונג, שווערע חלומות איז ראַטזאַם איינע טאָג נאָכאַנאַנד אויפ'ן ניכטערען מאָגען א גלאָז נאַטירליך ביטער-וואַסער Fra cis ka Józ fa צו טרינקען.

פרייע טריבונע.*)

דערווייטערט מוזען זיי ווערען.

אין א צייט, ווען דאס יודישע פאָלק אויף גאָר דער וועלט געפינט זיך אין א לאַגע אָהן אַן'אויסוועג, ווען מיר ווערען געפייניגט פון די היטלעריסטישע באַנדעס אין דייטשלאַנד, ווען מיר ווערען אין אַלע לענדער ארויסגעשטיפּט פון די דורך אונז פערנומענע ווירטשאַפטליכע פּאָזיציעס. ווען דער אנטיסעמיטיזם וואַקסט פון טאָג צו טאָג און די לופט אין גלות ווערט פאַר דעם יוד שטיקענד ביז גאָר, ווען די יודען-נויט דערגעהט צו זיין העכסטען שטאַפּעל—קומט זיך צונויף דער 18-טער ציוניסטישער קאָנגרעס, וועלכער וועט דאַרפען ווערען פערוואַנדעלט אין א רעטונגס-קאָנגרעס פאַר'ן יודישען פאָלק און לעזען דאס אנגעוועהטאָגטע פּראָבלעם, וואס הייסט יודען-נויט.

דעריבער איז די אונגעהויערע אגיטאַציע אויף דער יודישער גאַס, אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַהלען צום יעצטיגען קאָנגרעס, א גאַנץ נאָרמאַלע ערשיינונג און די אונגעהויערע פּרעקווענץ בעת די וואַהלען האט קלאָר בעוויזען, אַז ציוניזם האט אויפגעהערט צו זיין א ענין פאַר יחידים, נור אַז ציוניזם און ארץ-ישראל איז געוואָרען אַנ'ענין, וועלכער אינטערעסירט דאס גאַנצע יודישע פאָלק, אָהן אונטערשיד פון קלאַס און שטאַנד (נישט אריינגערעכנענדיג די יעניגע, וועלכע אנערקענען זיך נישט צו דער יודישער נאַציאָנאַליטעט).

מיר האָבען געהאַט דאס רעכט צו גלויבען, אַז די פערשידענע פאַרטייען, וועלכע געהען צום קאָנגרעס וועלען פערשטעהן ווי געהעריג אויסצונוצען די וואַהלען, וואס זאָלען ווערען פערוואַנדעלט אין א ריזיגע מאַניפעסטאַציע פון נאַציאָנאַלען געדאַנק און אַז זיי וועלען זיך אָבגעבען א חשבון פון דער יעצטיגער לאַגע פון יודישען פאָלק און די אויפגאַבען פון ציוניסטישען קאָנגרעס, פערציכטען אויף דעם האַס, וועלכען זיי האָבען געפלעגט א גאַנץ יאהר צווישען זייערע מיטגלידער, וועלען פערגעסען די שנאה, וואס טיילט זיי און פערציכטען אויף די אידעאָלאָגישע דיפערענצען, וועלכע שיידען זיי, האַבענדיג פאַר זיך א צובראָכענעם און נויטליידענד פאָלק, וואס וואַרט אויף דעם קאָנגרעס, וועלכער זאָל אין דעם יעצטיגען היסטאָרישען מאָמענט זאָגען זיין וואָגיג וואָרט! אלעמפאַלס האָבען מיר געגלויבט, אַז כאָטש אין טאָג פון די וואַהלען וועלען די פערשידענע גרופּירונגען אין ציוניזם ארויסווייזען פערשטענדניש פאַר'ן יעצטיגען היסטאָרישען מאָמענט.

אָבער צום בעדויערען זענען מיר געבליבען נידערגעשלאָגענע און ענטוישטע! כ'וועל נישט בעריהרען די פּיעל. פאַלען אין פוילען, נור אונזער לאָקאַלען פאַל. ס'האט זיך נאָכאַמאָל בעשטעטיגט דער טרויעריגער אמת, אַז אונזערע „רעדעל - פיהרער" און „גליק - פערזאָרגער" מיט דעם ה' ד"ר משהרינג זענען נישט דערוואַקסען צו רעפּרעזענטירען דאס ציוניסטישע טשענסטאָכאָוו. א חרפה און א שאַנד איז געוועזען פאַר אונז, יונגע ציוניסטען, צוקוקענדיג זיך ווי די עלטערע ציוניסטען בענוצען מיטלען, מיט וועלכע ס'בענוצט זיך געגען אונז יודען, די ענדעציע. א חרפה וועט זיין פאַר'ן ציוניסטישען טשענסטאָכאָוו צו דערמאָנען דעם דאַטום פון 23 יולי, דעם טאָג פון די וואַהלען צום 18 ציוניסטישען קאָנגרעס, דעם טאָג, ווען א ציוניסט ד"ר מעהרינג האט אויפגעהויבען זיין האַנד געגען א צווייטען ציוניסט מגר. א בראַטמאַן. דער קלאַפּ, וועלכען דר. מערינג האט געגעבען דעם ה' בראַטמאַן איז געוועזען גלייכצייטיג א קלאַפּ דעם ציוניזם אין פּנים!

ווי ס'זאָל נישט וועה טהון מוזען מיר זיך זאָגען דעם אמת. ס'איז טרויריג זיך צוקוקען ווי נידריג ס'זענען געפאַלען די היגע „פיהרער" פון „על המשמר", אויב זיי בענוצען פויסטען געגען זייערע געגנער; און דאס זאָלען זיין מיטלען פון קאַמף!

ווער ס'איז געוועזען א עדות פון די זונטאָג'דיגע וואַהלען, ווער ס'האט זיך צוגעקוקט צו די ווילדסטע אוואַנטורעס אין וואַהל-לאָקאַל, דער האט בעשיינפערליך געזעהן, ווי און ווער עס בעגראָבט דעם ציוניזם, דער האט געזעהן ווי ביי אונזערע ציוניסטישע קהלה-זיצער און פערזאָרגער האָבען אויפגעשפּיעלט די חיה'שע אינסטינקטען, ווי זייערע אויגען, ברענענדיגע מיט שנאה צו די יונגע ציוניסטען-רעוויזיאָניסטען, זענען ארויס פון די ראַהמען, די פּנים'ער — אויסגעקרומטע פון שגעון — דער האט געזעהן אונזערע עלטערע „פיהרער" אין זייער אמת'ן געשטאַלט... דער האט זיך איבערצייגט, אַז די, וועלכע זענען אימשטאַנד און פעהיג אויפצוהויבען און בענוצען די פויסט — די זענען פעהיג צו אַלץ, אַפילו צו פערניכטען דאס וואס הערצל האט אונז איבערגעלאָזט בירושה.

ס'ווילט זיך אויסשרייען פול מיט וועהטאָג אין צער: פון ווען אָן בענוצען זיך דאס ציוניסטען געגען אייגענע מיט אַזאַלכע מיטלען, ווי פּאָליציי און פויסט? פון ווען אָן איז טעראָר אַנ'אויסדרוק פון דעמאָקראַטיע און דאס נאָך בעת וואַהלען צו א ציוניסטישען קאָנגרעס? אנשטאָט צו זיין עדות פון א ריזיגער נאַציאָנאַלער מאַניפעסטאַציע, ווי ס'האָבען געזאָלט זיין די וואַהלען צום קאָנגרעס—זענען מיר געוועזען עדות, ווי מאָראַליש ס'זענען געפאַלען „אונזערע" היימישע „רעדעל-פיהרער" מיט דעם ה' ד"ר מעהרינג בראש! און נישט ווילענדיג פרעגט זיך: דער ה' מערינג איז דאָך דער ערציהער פון אונזער יונגען דור. צי קען אַלזאָ דער דור, וועלכען ער ערציהט זיין בעסער פון איהם? און צי קענען אַזעלכע מענשען, וועלכע ווייסען נישט פון קיין גרעניץ פון אנשטענדיגקייט זיין אונזערע פערשטעהער אין א קהלה? ניין, און נאָכאַמאָל ניין! אַזעלכע מענשען טאָר מען אין קיין פאַל נישט אַנפערטרויען אונזערע אינטערעסען און איינמאָל פאַר אַלע מאָל דערווייטערן די, וועלכע ברענגען אריין אויף דער יודישער גאַס הפקר און פויסט-הערשאַפט!

ס'איז שוין די העכסטע צייט, אַז דער געזונד-דענקענדער טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג אין אונזער שטאָדט זאָל זיך אויפוועקען פון זיין לעטאַרגישען שלאָף און נעמען שטעלונג צו די מענשען, וועלכע ברענגען מיט זייערע ברוטאַלע טהאָטען צו א בלוט-פערגיסונג אויף דער היגער יודישער גאַס. דאס ציוניסטישע טשענסטאָכאָוו (נישט די אָפיציעלע רעדעל-פיהרער) מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל נעמען שטעלונג צו די געשעהענישען פון 23 יולי, מאַכען א סוף צו דער אונערטרעגליכער לאַגע, וועלכע ס'האט זיך היע געשאַפען און בעזייטיגען אויף שטענדיג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אונפעראַנטוואָרטליכע מענשען, וועלכע ברענגען בלויז שאַנדע דעם ציוניזם. מען מוז פערלאַנגען פון די מעהרינגס און אַנדערע, אַז זיי זאָלען אונז אויפהערען צו רעפּרעזענטירען אין דער אויסען-וועלט און נישט געבען זיי קיין מעגליכקייט צו פערדאַרבען אונזער יונגען דור! און כדי דאס צו דערגרייכען מוז דער געזונד-דענקענדער טייל פון דער געזעלשאַפט די אַלע שעדליכע פאַר דער בעוועגונג פּערזאָנען דערווייטערן און ווייזען זיי דעם געהעריגען וועג, וועלכער פיהרט ווייט פון טשענסטאָכאָוו!...

יצחק וואַרשאַווער

*) אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעהענישען בעת די לעצטע קאָנגרעס-וואַהלען אין אונזער שטאָדט, האָבען מיר בעשלאָסען צו געבען די מעגליכקייט די ציוניסטישע ריכטונגען זיך ארויסצוזאָגען וועגען דעם ענין.

(13

די לעצטע טעג פון יהודה.

היסטאָרישער ראָמאַן פון ה. פ. שומאַכער.

(פאָרטזעצונג).

אין איהר געדעכעניש זענען אויפגעשטאַנען פערגאַנגענע בילדער, ווען זי האט אלס קינד ביי די עלטערן געוויילט. דאַן האט זי אָפט דאס ליעד פון דבורה הנביאה געזינגען, מיט אויגען צום הימעל געווענדעט האט זי אויך איצט דאס ליעד געזינגען.

און די זון האט איהר קאָפּ בעשטראַהלט. שטאָלץ, מוטיג איז זי געשטאַנען און ווי א געטליכע פרוי דאס העלדען ליעד גצזינגען.

— וועט דען איהר נישט געלונגען צו דערגרייכען דאס, וואס ס'איז געלונגען דער איינפאַכער פרוי?

— דבורה!

זי האט זיך געווענדעט צו רעואל:

— זאָל זיין ווי דו זאָגסט. זאָל מיין נאָמען זיין דבורה און איך וויל פאַר מיין פאָלק ווירקען, איך וויל זיין בעשיצערין זיין.

— דו ווייסט דאס דערגרייכען? דיין נאָמען וועט הייליג זיין ביים פאָלק ישראל!

— און דו?

רעואל האט גאָרנישט געענטפערט, נאָר זיינע פינגער האָבען געוואָלט איהר קלייד אָנכאַפען, קושען און צודריקען זיין ברענענד געזיכט. ביריניקה האט אויפגעהויבען איהר קאָפּ, מיט איהרע גליהענדע אויגען האט זי דאס ריינע געזיכט בעטראַכט און דערנאָך מיט קראַפט איהם אומגעאַרעמט.

— רעואל!

און די שטים איז צאַרט, פול מיט פערלאַנגען און פערשפּרעכונגען. זי פערשפּרעכט א זיסע צוקונפט אָהן גרעניצען.

רעואל האט די אויגען פערמאַכט, דען ער האט שוין מעהר נישט געקענט קוקען. זיין קערפּער האט געציטערט, דער קאָפּ איז ארונטערגעפאַלען אויפ'ן קישען, ער איז געלעגען אין אָהנמאַכט.

זי האט זיך איינגעבויגען און איהם א קוש געגעבען.

דער דאָקטאָר ה[illegible]ט דאס אַלץ בעמערקט פון דער ווייטענס. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קעניגין און שטיל געזאָגט:

— נאָך איין ווייל'ע און דו וואָלסט איהם דערמאָרדעט.

ביריניקה האט זיך צולאַכט, ווי אין חלום איז זי געווען.

— גלויבט נישט אייער מאַיעסטעט, נאָך א ביסעל און ער וואָלט פון פערגעניגען אויסגעגאַנגען?

ווען ביריניקה איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין איהרע צימערען האט זי בעגעגענט דער פערוואַלטער פון איהר פּאַלאַץ.

— דאָסביידעל איז פאַרגעברייט!

— דאָס ביידעל? — האט די קעניגין פערוואונדעט אויסגערופען — ווער האט דען געהייסען עס פאַרברייטען?

— דער קעניג ער האט אויך מיר בעפוילען צו דערמאָנען אייך וועגען כרמל.

די קעניגין האט ביין אויפגענומען די דאָזיגע ידיעה און שטרענג געענטפערט.

— איך וועל נישט געהן צום באַרג כרמל!

— ביריניקה!

די קעניגין האט זיך אומגעקוקט און דערזעהן אגריפּא שטעהן אויף דער שוועל.

— דו זאָלסט דיר נאָר נישט איינשמועסען, אַז דיר וועט געלונגען מיך איבערצורעדען. אומזיסט! איך האָב שוין געזאָגט: איך וועל נישט געהן מיט דיר אויפ'ן וועג פון שאַנד! זאָל דאָס היכל הורדוס פאַלען, חרוב ווערען, נאָר דאָס יודישע פאָלק זאָל לעבען! פון אינעווייניג, אָבער נישט פון דרויסען וועט די הילף קומען. דאָס פאָלק וועט זיך אַליין העלפען! מיר זענען שוואַך, נאָר אונזערע עלטערען זענען העלדען געווען. מיר וועלען שוין די הילף נישט געפונען, נישט מיט פאַלשקייט און נישט מיט קראַפט! איך וועל דיך ראַטען, טהון ווי איך! קעהר זיך אָב פון די רוימער, קום צוריק צו דיין פאָלק, ווייל נאָר דאָס פאָלק האָט די קראַפט. נאָר מיט דעם פאָלק וועסטו קאָנען דערגרייכען רוהם!

אגריפּא איז געוואָרען בלאַס ווי אַ מת.

— גלויבסטו, אַז אספּסיינוס וועט מיך לאָזען זיך אבקעהרען און קיינער וועט גאָרנישט זאָגען? זיינע שפּיאָנען רינגלען מיך ארום בייטאָג און ביינאַכט, אין אונזערע צימערען געפונען זיי זיך און ווער קען דען מיך פערזיכערען, אַז די רוימער האָבען שוין נישט איבערגעקויפט אונזערע קנעכט?

— פערלאַזשע די פאַלשע פערקויפטע מענשען, לויף צוזאַמען מיט מיר, ביינאַכט אין דער פינסטער וועל איך ענטלויפען, נאָר צוריקקומען זאָל איך ווי א זיגערין.

דער קעניג האָט פערוואונדערט געקוקט אויף איהר און פון אויפרעגונג געביסען זיינע ליפּען.

— דו מאַכסט זיך משוגע, ביריניקה. בערעכען דיך פון וועמען האָסטו די הערשאַפט בעקומען אויב נישט פון רוים.

— וועל איך זי איהר צוריקגעבען, כדי זי צו נעמען מיט שווערד!

דער קעניג האָט נישט געהערט וואָס זי זאָגט.

— און ווער וועט מיך שטיצען אין דער הערשאַפט? רוים!

און דאָס פאָלק? זאָלסט אָבער נישט גלויבען, אַז דאָס פאָלק קעמפט בלויז געגען די פרעמדע! דער המון פון ירושלים און פון די אַנדערע גרויסע שטעדט פאַדערט פיעל מעהר. ער קעמפט נישט בלויז געגען רוים, נאָר געגען די אַלע, וואס שטעהען העכער. דער המון קעמפט געגען מיר, זייער קעניג, דעם אַדעל, וועלכער פערנעמט פערשידענע שטעלעס און געגען אַלע גבירים, וועלכע הערשען מיט זייער גאָלד, אויב מיר וועלען נישט צושמעטערן דעם המון, איהם אַנלערנען, דאַן זענען מיר אַלע פערלוירען, ער וועט אונז צוטרעטען מיט די פיס און פערניכטען.

און ווען יאָ! אויב דער אַדעל איז נישט אימשטאַנד צו רעטען דאס פאָלק, אויב די שררות קענען מעהר נישט טהון, ווי זאָרגען פאַר זיך, דאַן בין איך אויך צוזאַמען מיט'ן המון, איך וועל זיך שטעלען אין דער שפּיץ און שרייען: א טויט דעם אַדעל, א טויט די זויגער פון אונזער לאַנד! וואס פאַר אַנ'אונטערשיעד איז פאַר'ן לאַנד ווער עס איז דער הערשער, צי אגריפּא, צי די צאַדיקער, צי דער המון? וויכטיג איז נאָר צו בעפרייען זיך פון דעם פרעמדען יאָך!

ביריניקה האט אַרויסגעזאָגט די ווערטער מיט גרויס אויפרעגונג, די פויסטען צוזאַמענגעפרעסט. אגריפּא האט זיך מיעד אַנידערגעזעצט, ער האט נישט געוואוסט וואס מיט איהם טהוט זיך און שטיל געמורמעלט:

— ווי א משוגעת רעדסטו!

זי האט אָבער דערויף נישט געלעגט קיין אַכט און ווייטער געזאָגט:

(פאָרטז. קומט).

עס איז שוין די העכסטע צייט!

מיר לעזען לעצטענס קאָמוניקאַטען, ביולעטינען און פּראָיעקטען אין דער רעגירונגס-פּרעסע, ווי אויך אין אַנדע-רע צייטונגען, אַז ס'ווערען געמאַכט פערשידענע הנחות אינדוסטריעלער און אַגראַריער ביים בעצאהלען פערלעגע-נע שטייערן. די, וועלכע וועלען זיך קענען בעווייזען מיט אַ היפּאָטעק-פער-זיכערונג, וועלען האָבען אַ הנחה ביז 10 יאהר און אָהן אַ היפּאָטעק-פערזי-כערונג — אויף 3 יאָהר. עס ווערען אויך אָפּט אַרויסגעגעבען קאָמוניקאַטען און אויפרופען צו אַגראַריער וועגען בעצאָהלען שטייערן אין נאַטור און אויך מיט אַרבייט, ווי צ. ב. ש. ביי אַרבייטען פון שאַרוואַרך מיט פערד און אַליין. ווי מיר זעהען מאַכט מען פאַר דעם אָרימען פויער און לאַנד-ווירט אַלערליי הנחות, אַבי ער זאָל זיך קענען אַרויסקריגען פון זיינע פער-לעגענע שטייערן אָהן שוועריגקייטען און זאל זיך קענען האַלטען אויף דער אויבערפלאַך בעת דעם יעצטיגען שווע-רען לעבען. וואָס זעהט מען אָבער מצד די רעגירונגס-ספערען בנוגע דעם יודישען בעל-מלאכה און קליין-סוחר?

אויף צוזאַמענפאָהרען און קאָנגרע-סען הערט מען שטענדיג די זעלבע סקאַרבאָווע און אָפיציעלע בעגריסונ-גען, רעדעס פון די רעגירונגס-פאַר-שטעהער, אַז מען פערשטעהט שוין יעצט די בעדייטונג פון האַנדווערקער און סוחר, אַז עס וועלען שוין אין דער צוקונפט אויסגעבעסערט ווערען די די פעהלערן, וואָס זענען ביז-יעצט בעגאַנגען געוואָרען מצד דער מלוכה.

וואָס זעהן מיר אָבער אין דער וויר-קליכקייט? ווייטער דאָס שטרענגסטע איינמאָהנען די שטייערן ביים מי-טעלקלאַס, וואָס איז אַממעהרסטען היל-פלאָז. ווייטער שיטען זיך די נאָקאַזען אויפ'ן קאָפּ פונ'ם האַנדווערקער בכלל און אויף דעם יודישען בפרט, אַזוי ווי אַ האָגעל. ווער איז דען אימ-שטאַנד אויסצורעכענען די אַלע מינים שטייער-נאָקאַזען, וואָס קומען אָן אין משך פון אַ יאָהר (סקאַרבאָווע און קאָ-מונאַלע), וואָס שיטען זיך אויף דעם האַנדווערקער'ס און קליינסוחר'ס קאָפּ. צי איז דען אַ האַנדווערקער זיך אימ-שטאַנד צו מאַכען אַ קאַלקולאַציע ביים אָננעמען אַ שטיקעל אַרבייט און ווי-סען וויפיעל ער וועט דאַרפען בעצאָה-לען אַ יאָהר שטייערן? ער איז צו-פרידען ביי דער יעצטיגער שווערער צייט אָנצונעהמען אַרבייט (אויב עס איז נאָר דאָ!) פאַר יעדען פּרייז, אַבי צו געבען זיין פרוי און קינדער אַ שטיקעל ברויט. און ווי לאַנג דויערט דען, מישטיינס געזאָגט, די אַרבייט דורכ'ן גאַנצען יאָהר אין די לעצטע צייטען? פון 2 ביז 3 מאָנאַטען אין יאָהר! (עס זענען פערהאַן פאַכען, וועל-כע אַרבייטען דאָס אויך נישט). און צי איז מען אומשטאַנד ביים בעסטען ווי-לען די אַלע, ווי זיי הייסען דאָרט, שטייערן אונטער אַזעלכע קלאַגעדיגע „פערדינסטען" אָבצוצאהלען? ליגען טאַקי די אַלע נאַקאַזען אונבעריהרט.

דער האַנדווערקער איז אַפּאַטיש צו דעם אַלעם, מען גיט זאָגאַר לעצטענס גישט אָב קיין רעקורסען, ווארום יע-דער טראַכט זיך: וואָס וועט עס דען מיר העלפען? און מיטאַמאָל בעווייזט זיך דער ליעבענסווירדיגער און זעהר העפליכער סעקוועסטראַטאָר און מאַכט אַ תל פון דעם אַלעם, וואָס מען האָט יאָהרען לאַנג זיך אויפגעבויט. דער גאַנץ אָרימער שטייער-צאָהלער לאַכט שוין פון דעם אַלעם, איהם איז שוין נישט קיין אונטערשיעד — זאָל מען שרייבען, זאָל מען נעמען זיין ביסעל גראַטעס, וואָס איז ווערט אַ פּאָר גיל-דען, ער האָט סיי-ווי נישט וואָס צו פערלירען. עס זענען דאָך אָבער אויך פערהאַן האַנדווערקער, וועמעס גאַנצע פערמעגען בעשטעהט נאָך פון אַ שעה-נע שאַנק אָדער שפּיגעל, דאָס איז דאָך זיין געשעפט, ער מוז דאָס האָבען צו זיין אַרבייט; זאָל מען איהם דאָס צונעמען, איז ער דאָך שוין גאַנץ קאַ-פּוט.

וויפיעל האַנדווערקער וואָלטען גערן גרייט געווען זייערע פערלעגענע שטיי-ערן, קאָמונאַלע אָדער סקאַרבאָווע אָפּצוצאָהלען מיט אַרבייט?—הונדערטער! אָבער מען זאָל זיי געבען אַרבייט ביי זייערע פאַכען, ביי וועלכע זיי זענען קוואַליפיצירט. זאָל מען נישט אַרביי-טען אין די תפיסות, וואו ס'ווערען אגב געפיהרט קאָנקורענץ-וואַרשטאַטען פאַר די האַנדווערקער פון אַלע פאַכען. זאל מען בעסער די אַלע אַרבייטען, וועלכע ווערען אויסגעפערטיגט אין די תפיסות דורך אַרעסטאַנטען, געבען אויסצופער-טיגען האַנדווערקער, וועט אי די מלו-כה האָבען דערפון אַ נוצען, אי די בעלי-מלאכות וועלען זיך קענען פון זייערע פערלעגענע שטייערן אָבצאָה-לען.

זאָל מען דעם האַנדווערקער אָדער קליין-סוחר נישט ערגער טראַקטירען ווי דעם פויער אָדער אַגראַריער, זאָל מען אויך זיין אַרבייט אָננעמען אנש-טאָט געלד.

זאָלען דאָס נעמען אין אַכט אונזערע פאַרשטעהער אין אַלע אינסטאַנצען און זאָלען זיי זיך מיט דעם דאָזיגען ענין פעראינטערעסירען.

מאיר פייגענבלאַט

י. ל. פויגעל.

ציפּריאַן קאַמיל נאָרוויד.

(צו זיין 50-טען יאָהר-טאָג).

פערהאַן דיכטער, וואָס טראָגען אין זיך דעם גייסט פון זייער פאָלק, פער-האַן ווידער דיכטער, וואָס טראָגען אין זיך דעם גייסט פון זייער צייט און פערהאַן אויך אַזעלכע דיכטער, וואָס טראָגען אין זיך דעם גייסט פון אַלע פעלקער און אַלע צייטען.

„דאַנטע, וואָלטער און בייראָן—זאָגט סלאָוואַצקי אין זיין אַריינפיהר צו „לאַמבראָ" — האָבען פאַרגעשטעלט די עפּאָכען, אין וועלכע זיי האָבען גע-לעבט און ווען מ'וואָלט געקאָנט פון די געדאַנקען פון זייערע צייט-גענאָ-סען צונויפשטעלען אַ סטאַטוע פון געדאַנק, וואָלט די דאָזיגע סטאַטוע פאַרגעשטעלט נישט קיין אַנ'ערן, ווי זיי דריי. העכער פון זיי האָט זיך דערהויבען שעקספיר, וועלכער האָט געמאָלען נישט זיין הארץ, נישט די געדאַנקען פון זיין דור, נאָר די מענש-ליכע הערצער און געדאַנקען, אונאָב-הענגיג פון צייט און עפּאָכע".

נאָרוויד, דער אָריגינעלסטער און צוגלייך—אָדער אפשר טאַקי דערפאַר—אומגליקליכסטער פּוילישער דיכטער, האָט געהערט צו דעם סוג קינסטלער, וועמענס פאָטערלאַנד ס'איז די קונסט אַליין און וועמענס צייט ס'איז די איי-ביגקייט.

געלעבט אין אַנ'אונרוהיגע צייט, ווען די גאַנצע אַרומיגע וועלט און היפּטזעכליך דאָס אַרומיגע איירעפּאַ האָט אַדורכגעמאַכט איהרע רייפקייטס-וועהען, איבערגעלעבט איהר שטורם- און דראַנג-פעריאָד (וועמענ'ס אָנהויב מ'דאַרף זוכען אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע) אין רעזולטאַט פון וועל-כער ס'איז געקומען אַנ'אַלגעמיינע אי-בערשאַצונג פון די ווערטען, האָט נאָר-וויד בעוויזען אויפצוהויבען זיך איבער זיין צייט, בליקען אין דער אייביגקייט און פון דאָרט שעפּען גאַנצע עמערס מיט בעגייסטערונג פאַר זיין קינסטלע-רישער שאַפונג.

ענטוישט פון זעלבסטזיכערען און חוצפּה'דיגען נאַציאָנאַליזם האָט זיך איירעפּאַ געוואָרפען אין די אָרעמס פון איראַציאָנעלען ראָמאַנטיזם און זיין מיסטישען אָבנויג, כדי דערנאָך צו זוכען שאָטען פאַר די צוגליהטע פאַנ-טאַזיע אין קיהלען און רוהיגען פּאָזי-טיוויזם.

נאָרוויד'ן האָבען אויך די דאָזיגע גייסטיגע איבערקעהרענישען נישט בעוויזען אַרויסצופיהרען פון גלייכ-געוויכט. ער האָט צו קיינע פון די קעמפענדע צדדים נישט גע-הערט, ער האָט אויך דאָ, ווי אין זיין גאַנצער שאַפונג געזוכט אַ סינטע-זע.

געבוירען אין יאָהר 1821 האָט נאָר-וויד אַדורכגעלעבט די גרעסטע שטור-מען אין דער איירעפּעאישער געשיכטע. אין זיין צייט איז געוועזען די מערץ-רעוואָלוציע, אין זיין צייט האָט גאַנץ איירעפּאַ, ווי אַ פיבער, אַדורכגעמאַכט דעם „פעלקער-פריהלינג", מיט וועל-כען ס'זענען דאַן פערבינדען געוועזען אַזעלכע שעהנע האָפנונגען. און יעצט זיין פאָטערלאַנד, פּוילען? די אויפ-שטאַנדען פון 30-סטען און 63-סטען יאָהר און די אונצעהליגע גרעסערע און קלענערע אויפשטאַנדען, וועלכע האָבען געשאַפען אין לאַנד אַ צו-שטאַנד פון פּערמאַנענטער רעוואָלו-ציע.

די דאָזיגע אַלע געשעהעניש'ן האָ-בען; זיך טיעף איינגעגעסען אין דער איירעפּעאישער ליטעראַטור, ספּעציעל אויף דעם פּוילישען באָדען, וואו די אַקטועלע געשעהענישן האָבען גענומען אין אונבעגרעניצטער געפאַנגענשאַפט די פּוילישע פּאָעזיע און דער בעגריף פון פּאָעט און פאָלקס - פיהרער זענען נישט צוטרענבאַר צונויפגעהאָפטען גע-וואָרען און נאָר דער געניאַליטעט פון די פּוילישע ראָמאַנטיקער איז צו פער-דאַנקען, וואָס זיי זענען נישט דער-טרינקען געוואָרען אין מבול פון אַק-טואַליטעטן.

און נאָרוויד? ווי האָט ער רעאַגירט אויף די אַלע געשעהענישען?

אין יאָהר 1849, אין סאַמע ברען פון „פעלקער-פריהלינג" שרייבט נאָרוויד אין פּאַריז, אין האַרץ פון די אַלע גע-שעהענישען, זיין הערליכען „פּראָמעטי-דיאָן", דאָס איינציגע דיכטעריש ווערק אין דער פּוילישער ליטעראַטור, וועלכעס פערנעמט זיך אויסשליסליך מיט עסטעטישע פּראָבלעמען און אין דעם ווערק זאָגט נאָרוויד דעם פּיעלבעדייטענדען זאַץ, אַז „נאָך די מבול'ס פון דער היסטאָריע, קומט דער רעגען-בויגען פון קונסט".

די דאָזיגע אַלע געשעהענישען, וועל-כע האָבען זיך אָבגעשפּיעלט אין זיין פאָטערלאַנד, האָבען אין נאָרוויד'ס שאַ-פונג איבערגעלאָזט זעהר ווייניג שפּו-רען. נישט דערפאַר, ווייל נאָרוויד זאָל נישט האָבען אָבגעשאַצט זייער בעדיי-טונג. ניין! נאָרוויד האָט געהאַט אַ געניט היסטאָריש אויג און אין די ווענינגע שטעלען, וואו ער בעריהרט די דאָזיגע ענינים, גרייכט ער אויך דאָרט ווייטער און טיעפער פון זיין דור און לאָזט הערען פון זיך אַזעלכע ווערטער וועלכע דאָס פּוילישע פאָלק האָט ערשט געהערט מיט 50 יאָהר שפּעטער פון וויספּיאַנסקי'ן אין זיין „וויזוואָלעניע" און „וואַרשאַווי'אַנקאַ". נאָרוויד איז אָבער קודם-כל געוועזען קינסטלער און ערשט דערנאָך מענש און פּאָלאַק.

נאָרוויד'ס ביאָגראַפען ווייסען צו דערצעהלען, אַז זיין בעליעבטסטע לע-קטור אין פּויליש איז געוועזען קאָכאַ-נאָווסקי. די סבה דערפון דאַרף מען אויך זוכען אין דעמזעלבען. קאָכאַנאָוו-סקי איז געוועזען דער ערשטער פּוי-לישער דיכטער, וואָס האָט געזינגען „פאַר זיך און פאַר די מוזעס". פאַר איהם איז די דיכטונג נישט געוועזען קיין מיטעל, נאָר אַ ציעל און אויף זיין שאַפונג רוהט טאַקי דער הויך פון אַנ'אינערליכער, נשמה'דיגער בעציהונג. נישט קיין וואונדער דעריבער, וואָס נאָרוויד האָט אין קאָכאַנאָווסקי'ן גע-זעהן זיינע אַ נאָהנטע, קינסטלערישע נשמה.

— — — — —

„יעדעס פאָלק—זאָגט נאָרוויד—קומט מיט זיין אייגענעם וועג צו דער קונסט. וויפיעל מאָל עס קומט מיט דעמזעל-בען וועג, וואָס אַנ'אַנדער פאָלק, קומט נישט דאָס פאָלק צו דער קונסט, נאָר די קונסט צום פאָלק און זי איז דא-

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

קאַליע געוואָרען דאָס בילד...

כ'האָב זיך געשלייפט די פעדער, אַזוי ווי דער קינסטלער דעם פּענזעל, כדי אויפצוכאַפּען פערשיעדענע בילד-לעך פון די וואָהלען פון אחינו בני ישראל צום יודישען פּאַרלאַמענט.

כ'האָב געוואָלט בעשרייבען, ווי אַזוי עס זעהט אויס אַ וואָהל-מיטינג, בעת דער רעדנער שטעהט אויף דער טריבונע און רעדט מיט האַרץ און מאָלט אַ בילד, ווי אַזוי עס שטעלט זיך פאַר דאָס ארץ-ישראל הבנויה, און דאָ פּלוצלונג דערפיהלט מען עפּיס, ווי ס'הויבט אָן צו בייסען אין דער נאָז און עס דערפיהלט זיך אַ שלעכטער ריח ניחוח נישט אויסצוהאַלטען...

כ'האָב געוואָלט אייך, לעזער, גע-בען אַ טריי בילדעל פון דעם וואָהל-קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אין גאַס, ווי אַזוי יונגע לייט, וועלכע האָבען נישט קיין שייכות, נישט צום „פּאַשיס-טישען" ארץ-ישראל-אויפבוי און אויך נישט צום „סאָציאַליסטישען" ארץ-ישראל, האָבען גראַסירט אין גאַס בעת די וואָהלען און האָבען מיט גראָבע שטעקענעס און זאָגאַר מיט מעסער'ס מכבד געווען „זייערע" געגנער.

כ'האָב געהאַט פערצייכענט אַ בילד ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהן דער אי-בערפאַל פון עטליכע בונדיסטישע גדו-לים אויף קליינע קינדער פון „בית״ר" און זיי געשלאָגען מכת-רצח. גלייכצייי-טיג האָב איך געוואָלט אַריינזאָגען מוסר די בונדיסטען, אַז אויב זיי, וועלכע פּרעדיגען יושר און אמת, האָ-בען שוין נישט קיין כח די מאַסע צו איבערצייגען מיט ווערטער, דאַרף זי זאָל זיך נישט נאַריש מאַכען מיט די „פינסטערע רעאַקציאָנערע קאָנגרעסען", נאָר מוז שוין איבערצייגען מיט שטע-קענס — איז שוין מיט'ן „בונד" זעהר שמאָל.

כ'האָב אויך געוואָלט דערצעהלען, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהן די גאַנץ נישט געשמאַקע אַגיטאַציע אין דער גאַס, וואָס האָט געמאַכט אַ זעהר שלעכטען איינדרוק סיי אויף די יודען, וועלכע האָבען געהאַלטען אין איין שרייען: אַ חרפּה! און נאָך מעהר אויף די נישט-יודישע איינוואוינער, וועלכע האָבען אונז בעטראַכט אַלס ווילדע אוּיאַטען, וואָס האָבען קיינמאָל אין לעבען נישט געהאַט קיין אהנונג וועגען קולטור און מענשליכקייט.

כ'האָב אויך געוואָלט איבערגעבען קוריאָזען פון די וואָהלער, וועלכע האָ-בען בעקומען שקלים און זיי האָבען נעביך נישט געוואוסט וואָס זיי זאָלען אַריינלעגען אין דער קאָנווערט: דעם שקל אָדער דאָס צעטעלע, און דאַן, אַז ס'זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָ-בען זיך בשום אופן נישט אָריענטירט וואָס פאַר אַ וואָהלען עס קומען דאָ פאָר: סיים, שטאָדט-ראָט אָדער גאָר קהלה-וואָהלען...

כ'האָב אויך געוואָלט איבערגעבען דאָס טרויעריגע בילדעל, וואָס מיר איז אויסגעקומען בייצוואוינען, בעת איך האָב אָבגעגעבען מיין שטימע, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהן אין דער וואָהל-ביוראָ גופא, ווי אַזוי דער זייטי-גער עולם, די פערשיעדענע לידערס און גלאַט יונגלעך, אנהענגער פון געוויסע ריכטונגען, האָבען געליאַרעמט און געשריגען, אַז מען האָט געקאָנט פערטויבט ווערען, און מען האָט זיך געריסען, געביסען און געזידעלט, טוי-זענד מאָל ערגער, ווו אין אַ פּערציטי-שער מקוה...

כ'האָב געוואָלט אייך נאָך מאָלען, ווי אַזוי די פּאָליציי, וועלכע איז בע-שטימט געוואָרען צו היטען די אָרד-נונג, ווי אַזוי זי האָט זיך אויסגעדריקט וועגען אונז, ווי איינער האָט געשמיי-כעלט צום אַנדערען: „טאָ יעסט דזיקי נאַרוד, ניעך שיען בייאַן"!...

כ'האָב אויך געוואָלט אייך דערצעה-לען, ווי די יודענעס און אפשר אויך יודען האָבען צוקוקענדיג זיך צו דעם דאָזיגען קאַמף פון די געגנערישע צדדים, געשאָקעלט מיט די קעפּ און געזאָגט: אַך און וועה איז צו אונזערע יאָהרען, אויב די דאָזיגע בריונים דאַר-פען אונז דאָס אויסלייזען פון גלות. גלייכער שוין — האָבען זיי ווייטער געטענה'ט -- צו בלייבען דאָ, איידער צו פאָהרען מיט די „אויסלייזער" קיין ארץ-ישראל...

כ'האָב געוואָלט קריטיקירען די וויל-דע העצעס אין גאַס, דאָס פאָהרען אויף וועגען, דאָס רייטען אויף פערד און דאָס וואָס, גלייכצייטיג האָט אַ נע-גער מאַרשירט אויף אַ וועלאָסיפּעד און אַלע האָבען געמיינט, אַז ער גע-הערט אויך צו דער וואָהל-אַגיטאַציע און מען האָט פון איהם פערלאַנגט וואָהל-ליטעראַטור... אויך וועגען דעם פאַרשוין אויף שטאַלצען, וועלכער האָט געטיילט איינלאַדונגען אין צירק אַריין און דער עולם, זייענדיג אַדורכגענומען מיט דער וואָהל-אַגיטאַציע, האָט גע-מיינט, אַז איינע פון די ליסטעס האָט צו אַגיטאַציע-צוועקען איינגעלאַדען אַ צירק-קלאָון...

כ'האָב געוואָלט שילדערען, ווי אַזוי דער עולם וועהלער (צווישען זיי אַ סך, וועלכע האָבען שוין דעם זעלבען טאָג געוועהלט צום... דריטען און פיר-טען מאָל), זענען געשטאַנען שעה'ן-ווייז אויפ'ן הויף, אונטער'ן רעגען און גע-דולדיג געוואַרט, כדי זיי זאָלען קאָנען נאָכאַמאָל וועהלען, און דערווייל דער-צעהלט מען זיי אַ מעשה, אַז אויבען קריגט מען זיך און זיי מוזען דעריבער וואַרטען...

מיט איין וואָרט — דאָס בילד איז געווען פערטיג, איך האָב זאָגאַר שוין געמאַכט אַ פּראָוויזאָרישען חשבון, וועל-כע פון די ליסטעס וועט צוליעב דער גרויסער צאָהל שטימען פערנעמען דאָס ערשטע אָרט, ווער דאָס צווייטע, דאָס דריטע א. א. וו., פּלוצים — איז מיר דאָס בילד קאַליע געוואָרען.

אין דעם וואָהל-ביוראָ איז צווישען די פּרעזידיום-מיטגלידער אויסגעבראָ-כען אַ געשלעג. איהר הערט, אַ גע-שלעג! די „הויכע אינטעליגענץ" האָט זיך געפּאַטשט און די וואָהלען זענען איבערגעריסען געוואָרען.

האָט איהר שוין געהערט, אַז ביי די אַלע וואָהלען, וועלכע זענען פאָרגעקו-מען אין טשענסטאָכאָוו זינט 1916-טען יאָהר, זאָל מען זיך האָבען געשלאָגען אין דעם וואָהל-ביוראָ? און ווער נאָך, די יעניגע, וועלכע דאַרפען דאָס זיין אַ מוסטער פון רוה און אָרדנונג?! אויב אַזוי, אויב דאָס האָט געקאָנט גע-שעהן, איז מיר דאָס בילד פערדאָר-בען געוואָרען, ווייל ס'איז מיר אַ חרפּה וועגען דעם אַלעם צו שרייבען. צו וואָס דאַרף די גאָס וויסען וועגען אונזער חורבן און ביטער פינסטער לעבען. וועל איך טאַקע דאָס בילד נישט מאָלען, ווייל —

דאָס בילד איז קאַליע געוואָרען...

חזנים-וואָך...

צוליעב די וואָהלען האָב איך יענע וואָך נישט געהאַט קיין פּלאַץ איבער-צוגעבען וועגען אַ רייהע היימישע גע-שעהענישען, און די לעזער וועלען מיר מוחל זיין (אַ ברירה האָבען זיי), וואָס איך וועל זיי ערשט וועגען דעם דער-צעהלען היינטיגע וואָך.

האָבען מיר אַלזאָ יענע וואָך געהאַט אַ חזנים-וואָך.

באַלד זונטאַג האָט אונזער ליעבער באַדאַש געגעבען אַ שטיקעל קאָנצערט און גלייכצייטיג געמאַכט אַ הזכרה דעם פערשטאָרבענעם קעניג פון די חזנים יאָסעלע ראָזענבלאַט ז"ל. צו-מאָרגענס מאָנטאַג האָט אַ חזן געפּראָ-ווט אַ מערבות אין פּרושיצקי'ס שוהל. דינסטאַג האָט ווידער אַנ'אַנדערער חזן דאָס זעלבע געטהון אין „אהל-יעקב"-שוהל. דאַן שבת האָט אונזער בן-עיר ר' אייזיק קאַרפּיעל געבענשט ראש-חודש מנחם אב אין פּרושיצקי'ס שוהל און צוויי משוררים האָבען איהם צוגעהאָלפען. אויך אין דער שטאָדט - שוהל האָט שחרית געדאַוונט אַ פּרעמדער חזן.

און מערקווירדיג, די היינטיגע חזנים האָבען דעמזעלבען גורל, ווי די אַמאָ-ליגע מגידים.

כ'געדענק, אַז ווען ס'איז געקומען אַ מגיד אין בית-המדרש זאָגען אַ דרשה, האָבען זיך שפּעטער צוויי יו-דען אוועקגעשטעלט ביי דער טהיר מיט אַ טעלער אָדער אַ פּאַטשיילע און ביים אַרויסגעהן האָט יעדער אַריינגע-וואָרפען אַ פּרוטה. ביי די אויבענדער-מאַנטע חזנים איז אויך געווען דאָס זעלבע; מען האָט נישט גענומען קיין בילעטען ביים איינגאַנג, נור ביים אַרויסגעהן זענען די מעלאַמאַנען גע-שטאַנען מיט אַ טעלער און ווער ס'האָט געוואָלט, האָט געוואָרפען פּרוטות.

סיי ווי האָבען מיר יענע וואָך גע-האַט אַ חזנים-וואָך.

בזיל הזול...

וועגען די היינטיגע ביליגקייטען קען

מאלס אַנ'עקזאָטישע בלום און ס'איז נישט פערהאַן דאָרט קיין אָרט פאַר אַרטיסטען".

נאַרוויד האָט זיך ביי דעם פרינציפּ שטרענג געהאַלטען אין זיין גאַנצער שאַפונג. ער האָט געזוכט זיין וועג צו דער קונסט און איז קיינמאָל נישט אַרונטערגעפאַלען אונטער דער השפעה פון דער אָנגענומענער ריכטונג.

און געשאַפען האָט נאַרוויד אין אַ צייט, ווען עס האָט געווירקט אין פוילען דער גרויסער ראָמאַנטישער דריילינג, אונטער וועמענס מעכטיגע פליגלען ס'האָבען זיך געזאַמעלט אַלע קלענערע און גרעסערע טאַלענטען. אַלץ, וואָס איז אין פוילען געשאַפען געוואָרען אין יענער עפּאָכע, איז געשטאַנען אונטער'ן איינפלוס פון די אַלהערשענדע ראָמאַנטישע אידעען. נאָר נאַרוויד האָט בעוויזען אויף אַ זעלבסטבעוואוסטען אופן צו דערהאַלטען זיין אינדיווידואַליטעט, אַזוי, אַז ער האָט געהאַט די דרייסטקייט אויסצורופען:

כ'האָב פון אייך אַ לאַזירען! גאָר-
נישט גענומען,
נישט אַ בלאַט, נישט אַפילו אַ צייהנ-
דיל פון אַ בלאַט.

און כאָטש דער דאָזיגער אויסרוף שטימט נישט אינגאַנצען מיט'ן אמת, ווייל אויך נאַרוויד האָט איינגעזאַפט אין זיך זעהר פיעל פון ראָמאַנטיזם, איז אָבער דאָך אַ פאַקט, אַז ער איז פון אַלע דיכטער פון יענער צייט, אַם-ווענינגסטען בעאיינפלוסט געוואָרען און —וואָס ס'איז מעהר כאַראַקטעריסטיש— אַז ער האָט געטראָגען אין זיך דעם אָנזאָג פון אַ נייער תקופה אין דער ליטעראַטור.

דער לעצטער פּרט איז איינער פון די בולט'סטע שטריכען אין נאַרוויד'ס שאַפונג און אין איהם קומט נאַרוויד'ס אָריגינאַליטעט צום שטאַרקסטען אויסדרוק.

יעדער דיכטער, וואָס איז נישט קיין קינד פון זיין צייט טראָגט אין זיך דעם זאָמען פון אַ נייער וועלט, דעם זאָמען פון דער צוקונפט, וועלכע וואַקסט טיילמאָל אַרויס ערשט בעדייטענד שפּעטער, ווען דער באָדען איז שוין געהעריג צוגעקערט און פאַרגעברייט. שעקספּיר האָט אין זיך געטראָגען דעם זאָמען פון צוקונפטיגען ראָמאַנטיזם. אויך נאַרוויד האָט אין זיך געטראָגען דעם זאָמען פון דער צוקונפט, וועלכע איז שוין טיילווייז היינט געגענוואַרט און טיילווייז וועט זי ערשט ווערען.

(סוף קומט).

פ. בלומענקראַנץ.

וואָקאָפּאַנער מיניאַטורען.

2.

שווייגען.

דער יונגערמאַן, וועגען וועלכען איך וויל דערצעהלען איז געווען אַלט קרוב דרייסיג. אַנ'בלאָנדער מיט אַ פערטיגען שמייכעל אויף די ליפּען. ער איז תמיד אין געזעלשאַפט געווען לוסטיג, האָפערדיג און געהאַט דעריבער ביי פרויען ערפאָלג. יעדע האָט געוואָלט פערברענגען אין זיין געזעלשאַפט, אַרומשטיפען מיט איהם.

— אָ, יאַקי פּאַן מאַראָווי— האָבען די מיידלעך טיילמאָל אויסגעשריגען מיט עקסטאַז— שוויעטניע מאָזשנאַ שיען או-באַוויטש וו'פּאַנסקיעם טאָוואַזשיסטוויע...

ער איז ווירקליך געווען זעהר עלעגאַנטיש צווישען מענשען: מיט פרויען האָט ער אויסגעצייכענט געפיהרט לייכטע שמועסען, פערפּראַקטע מיט קאָמפּלימענטען און צווייידייטיגע אַנצוהערענישען; מיט קאַרטען - שפּילער—געקיבּעצט און אַרויסגעזאָגט זיין אויטאָריטעטיווע מיינונג; מיט די פּענסיאָנאַט-פּאָליטיקער געשמועסט פּאָליטיק און פּאָלעמיזירט וועגען גרינבוים'ס טאַקטיק און מיט חסידישע יודען — געשמועסט חסידות.

די דאָזיגע בויגעוודיגקייט און תיכפדיגע שטימונג-ענדערונגען האָבען גורם געווען, אַז אַלע פּענסיאָנאַט-געסט זאָלען מיט איהם פּערקעהרען. די מיידלעך האָבען זיך געוואַנדען צו איהם באַלד אינדערפריה מיט „פּראָיעקטען", וועלענדיג איינע די צווייטע מקדים זיין:

— פּאַניע ראַמקו, נאָ וויטשעטשקען וויביעראַמי שיען דזשישיי?

— פּאַניע ראַמקו, פּוידזשעמי נאָ „פּייף" ?

איין פרייליין האָט געהאַט גאָר ערנסט „זאַמיאַרען" און האָט געהאַלטען פאַר בערעכטיגט אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף זיין צולאָזענקייט:

— פּאַניע, יוזש פּאַן פלירטוויע!—האָט זי זיך צעריינגעמישט תמיד, זי איז געווען נעביך זעהר אייפערזיכטיג און געמאַכט איהם פּאַרזיכטיג פּאַרוואירבען, כלומר'שט מיט אַ שמייכעל.

מיר האָט זיין שטיפען נישט געפעלען: אין זיין געלעכטער האָט מען טיילמאָל געקענט דערהערען אַ גרילץ. און ווען מ'האָט זיך אַריינגעקוקט אין זיינע אויגען בעת'ן שטיפען, אָבשפּעטען און לאַכען, בעת די מיידלעך האָבען זיך געווישט די אויגען און געשריגען „סקאָנאָם זע שמיעכו", האָט מען בעמערקט אין זיין בליק אַ בעהאַלטענעם טרויער, אַ פערמאַסקירטען, ער האָט זיך אפילו מאָמענטענווייז פערטראַכט, פערטרויערט, נור באַלד צוריק צו זיין ראָל.

דער מענש האָט מיך פעראינטריגירט. וואָס מעהר כ'האָב איהם אָבסערווירט בין איך געקומען צו דער מסקנא, אַז ער שפּילט נור די ראָל פון אַ לוסטיגען, זאָרגלאָזען, אַז ער איז דערגאַנגען צו שלימות אין זיין פערשטעלטקייט, וואָס איז בעשטימט געקומען נאָך יאָהרען ענטוישונגען און איבען זיך צו דער מאָרנער, אָבער מייסטערהאַפטער ראָל זיינער.

איך האָב בעשלאָסען איהם נעהנטער צו בעקענען, צו דערגעהן די סבות פון דאָזיגען פערשטעלעריי — און די געלעגענהייט איז געקומען.

מיר האָבען אין צווייען געמאַכט אַ אויספלוג אין זאַקאָפּאַנער אומגעגענד. פון אָנהויב האָבען מיר געשמועסט, דערצעהלט זיך מעשיות, געשפּרינגען פון איין ענין אויפ'ן צווייטען, מיט איין וואָרט אויפגעפיהרט זיך ווי שטאָדט-מענשען, וואָס בענוצען דאָס דאָזיגע מיטעל, אום דער שמועס זאָל זיך נישט איבעררייסען און זאָל נישט ווערען חלילה לאַנגווייליג, (כאָטש די שמועסען לאַנגווייליגען פיעל מאָל מעהר ווי דאָס שווייגען).

אָבער דער דאָזיגער מצב-רוח האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטען. דער מענש, וואָס האָט אַ געוויסען חוש פאַר נאַטור, מוז ווערען בעת זיין התקרבות צו איהר, אָפּגעהערציג, צוגעלאָזען און אמת'דיגער.

מיר האָבען זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַרג-משופע. אַרום ריזיגע סקאַלעס און אין זייערע שפּאַלטען זיג-זאַגישע פּאַסען שניי, צו וועלכע די זון דערגעהט נישט אַ גאַנץ יאָהר. נאָהענט אונז אַ דין וואַסערל, וואָס שלענגעלט זיך אין דער הויך און פערביגט זיך אַראָבצו מיט אַנדערע וואַסערלעך, וועלכע לויפען פון אַלע זייטען מיט גרויס געפּילדער. פון אַקעגענאיבערדיגען באַרג בעוויזען זיך צוויי יונגעלייט מיט ספּאָרט-מכשירים, וואָס זענען געקומען פון אַ לענגערן אויספלוג צווישען די בערג. זיי וואַשען שנעל אַרום זייערע אָבגעברענטע לייבער און לאָזען זיך ווייטער.

מיר בעגלייטען מיט אונזערע בליקען די צוויי הייטערדיגע בחורים, וועלכע שפּרייזען שנעל, מיט זיכערקייט איבער דער באַרג-משופע, אַרום איז שטיל, עס דערטראָגען זיך דייטליך די קלאַנגען פון די גלעקלעך אויף די שעפּסען-העלזער, וועלכע זענען ווי אויסגעזייהט העט ווייט קעגען אונז.

מיין בעקאַנטער הויבט אָן פלוצים רעדען, ווי ער וואָלט געווען אַ מסיח לפי תומו:

— צווישען אָט די בערג קען מען זיך אויסלערנען שווייגען. כ'זאָג: זיך אויסלערנען, וואָרום ווען אַלץ ברויזט אין דיר, בעת דו ביזט פערצווייפעלט, איבעראַשט, אַרויסגעפיהרט פון גלייכגעוויכט און דו פּלאַפּעלסט נישט פאַר דיינע כלומר'שטע גוטע פריינד, פערברעכסט נישט די הענד, נור לעבּסט אַדורך דעם טרויער אַליין—איז דאָס גבורה און מען דאַרף עס קענען אויסלערנען, האַרטעווען זיך און איינאיבען...

איך האָב איהם אָנגעקוקט מיט אַ געוויסער פערוואונדערונג: דער דאָזיגער ס'מפּאַטישער פּלאַפּלער רעדט וועגען שווייגען, ענטציקט זיך מיט'ן כח פון בעהערשען זיך. ער האָט מיך, משמעות, פערשטאַנען. געגעבען אַ קוים בעמערקבאַרען שמייכעל און פאָרטגעזעצט:

— אין מיין פּלאַפּלעריי ליגט די סגולה פון שווייגען, פון פערשווייגען דעם עיקר, דאָס וואָס טאָטשעט מיך און בערויבט מיין שלאָף...

די זון האָט זיך אַראָבגעלאָזט צום מערב. אַ קאַלט ווינדעל האָט אָנגעפאַנגען בלאָזען. דער פּאַסטוך פון געגענאיבער האָט צונויפגעטריבען די שעפּסעלעך. אַנ'איינזאַמער טוריסט האָט זיך אומגעקעהרט פון זיין אויספלוג. ער האָט זיך געשפּרייזט בנעימות'דיג, אָבשטעלענדיג זיך יעדע עטליכע מעטער און אָבסערווירענדיג דורך אַ לאָרגנעטע דעם אַרום.

מיין בעקאַנטער קעהרט ווייטער אום צום זעלבען ענין. זעהט אויס, אַז דער געדאַנק פערנעהמט איהם:

— דער שענסטער צער (אויב מ'קען זיך בכלל אַזוי אויסדריקען) איז דער, וואָס איז בעהאַלטען אין די טיעפּעניש פון מענש, אין די „חדרי חדורים" פון זיין נשמה. תמיד, מיט יאָהרען צוריק נאָך יעדער אויפטרייסלונג האָב איך געמוזט לויפען צו אַ גוטען פריינד מתודה זיין זיך פאַר איהם. מיר איז בעת מעשה עטוואָס לייכטער געוואָרען אָבער דערנאָך האָב איך דערפיהלט אַ חרפה צו זיך גופא צוליעב מיין שוואַכקייט. דאַגעגען פיהלסטו זיך, אויב דו בעוויזט צו בעהערשען זיך ווי אַ טוריסט נאָכ'ן אַרויפדראַפּען זיך אויף אַ געפעהרליכען באַרג. דער וועג איז שווער אָנאַנגענעהם, אָבער דערנאָך פיהלסטו זיך שטאַרק און צופרידען, אויפגעהייטערט.

יאָ, שווייגען!

— אָבער איך מיין נישט דאָס מין שווייגען צו וועלכער יחידי-סגולה קענען זיך ערלויבען, וואָרום מיר זענען צוגעבינדען מיט טויזענדער פעדים צום לעבען און דורכ'ן אַריינפאַלען אינ'ם זין אין עקסטרעמיטעט, פערלירען מיר אונזער גאַנצע השפעה אויף דער געזעלשאַפט, וואָס איז פאַר'ן מענש צוליעב פערשידענע טעמים זעהר שעדליך.

דו מוזט זיך נאָר פונאַנדערטיילען: שמועסען מיט מענשען וועגען אַלעם, נור נישט וועגען דעם, וואָס איז דיר טייער.

אמת, פון אָנהויב איז אַזאַ התנהגות שווער, נישט בעקוועהם, מ'בעמערקט ביי דיר אַ געוויסע געקינצעלטקייט, אָבער מיט דער צייט שפּיעלסטו דיין ראָל אויסגעצייכענט. מיר לעבען מיט דער אילוזיע וועגען מענשליכער געגענזייטיגער פּאַראינטערעסירונג, אָבער אין אמת'ן זענען מיר אַלע אין דער זעלבער ראָל פון פּאַיאַץ. קיינער פערלאַנגט נישט און ווינשט זיך נישט אונזער אומעט. איהם לאַנגווייליגט עס. דו מוזט דעריבער, אויב דו ווילסט נישט אַלס יונגער מענש איזאָלירט ווערען — שטיפען, לאַכען, שפּעטען, שפּרינגען, מיט איין וואָרט שפּילען. נור גוט שפּילען, איינרעפּעטירען דורך יאָהרען דיין ראָל, דאַמאָלס וועסטו אויסנעמען...

יאָ, ליעבער פריינד—האָט ער פערענדיגט מיט אַ זיפץ—צוליעב מיין פּרינציפּ פון שתיקה, בין איך געקומען צו אַ סך רעדען, צו פּשוט'ער פּלאַפּלעריי, דאָס איז דער פּודער, וואָס פּערדעקט מיינע קנייטשען, מיינע אינערליכע קנייטשען, וועלכע זענען אַ פּועל-יוצא פון לאַנגע פּיין און ענטוישונגען און וועלכע וועלען אויף אייביג בלייבען ביי מיר. מיינע יסורים זענען מיר טייער און כ'וויל נישט, אַז זיי זאָלען זיין אַ סיבה פון לאַנגווייליגקייט אָדער גענעצעריי.

* * *

מיר זענען געקומען אין שטאָדט. ער האָט זיך שנעל געזעגענט און אַריין אין אַ פריזיר-אַנשטאַלט.

— כ'מוז מיך אָבראַזירען — האָט ער צוריק מיט זיין שטענדיגען שמייכעל אַרויסגעשריגען פון דער טהיר—כ'וועל זיך היינט טרעפען מיט דער „קאָזע" זאָשאַ און מיידלעך, כידוע, האָבען נישט ליב קיין בעוואָקסענע פּנים'ער...

דינען פאָלגענדער פאַקט:

אויף דער וואַרשאַווער גאַס האָט אַ בעל-הבית פערקויפט זיינס אַ לאָקאַטאָר מכשירים, וועלכע זענען בעשטאַנען פון דריי יאַטקע-קלעצער, אַ האַק, אַ בופעט, אַ וואָג און אַנ'אייז-קאַסטען, סך-הכל פאַר 11 און אַ האַלבען גילדען.

דער לאָקאַטאָר וואוינט שוין אין דעם זעלבען הויז גאַנצע 17 יאָהר און געצאָהלט 900 זלאָטעס אַ יאָהר און ווען יענער איז שולדיג געבליבען צוליעב דעם הויכען דירה - געלד אַ פּאָר גילדען האָט דער הויז.ווירט איהם פערקויפט די אויבענדערמאַנטע כלים פון דער יאַטקע אַרויס פאַר גראָשענס.

צי דער „פיינער" בעל - הבית האָט גוט געטהון גערט מיך נישט אָן, דאָס לאָז איך איבער פאַר זיין געוויסען, אָבער אַז היינט איז אַלץ בזיל הזול איז אַ פאַקט...

אין קינדער-גן-עדן.

כ'האָב גרויס עגמת-נפש, וואָס היי יאָהר האָב איך נישט אָפט בעזוכט די קינדער-קאָלאָניע פון „טאָז", כדי זיך צו פערזעהן מיט די קינדערלעך און פערברענגען אין זייער אַטמאָספערע.

אָבער אַ טאָג פאַר'ן שליסען איז מיר אויסגעקומען צו פערברענגען עטליכע שעה מיט די קינדער אין דער קאָלאָניע, וואָס געפינט זיך אין גאָרטען פון פּרעזעס ה' ראָזענבערג. און דאָס זענען געווען העררליכע אונפערגעסליכע מינוטען.

דער גאַנצער רעש און טומעל, די דעמאָראַליזאַציע און העסליכקייט, וועלכע מיר האָבען בייגעוואוינט די לעצטע טעג זענען דאָרט אין דעם קינדער גן-עדן פערשוואונדען געוואָרען.

דאָרט האָבען די פער'חושכ'טע אַרימע הונגעריגע קינדער פון אַ גאַנץ יאָהר געטאַנצט און געזינגען און געווען אַזוי פרעהליך, אַז מיין פערכמורעט פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט און איך בין מיטגעריסען געוואָרען און מיטגעזינגען.

און לידלעך האָבען זיי דאָרט געשאַפען העררליכע. לידלעך וועגען היטלער'ן, פערגלייכענדיג איהם צו המנ'ען און אַזוי ווי המן האָט געהאַט אַ סוף, זאָגען צו די קינדערלעך, אַז אויך ער, היטלער, וועט אין קורצען האָבען אַ מפּלה. ליעדלעך וועגען זון און פריהלינג, האַרציגע ליעדלעך וועגען קינדער-פרייד א. אז. וו.

אַ גוטער ביישפּיעל.

אָט האָב איך אייך געגעבען אַ בילדעל פון אַ יודישען ווירט פון דער וואַרשאַווער גאַס און שוין בעט זיך ביי מיר אַ צווייט בילדעל, אַז איך זאָל עס בעשרייבען.

דאָס הויז אויף דער גאַרנצאַרסקאַ גאַס 52 געהער צו אַ קריסטליכען הויזווירט. וואוינט דאָרט דער יודישער אַרבייטסלאָזער ה' ג., וועלכער איז שולדיג דירה-געלד אַ קיימאַ-לן פון קנאַפּע 2 יאָהר.

האָט איהם דער קריסטליכער ווירט אַריינגערופען און איהם געזאָגט אַזוי:

הער אויס, ליעבער לאָקאַטאָר, עס איז נישט קיין פּלאַן צו וואוינען בחנם, מחמת איך מוז צאָהלען פּאָדאַטקעס און אויך פאַר וואַסער. בקיצור, איך שענק דיר דעם גאַנצען חוב ביז איצט און פון היינט אָן און ווייטער לאָז איך דיר אַראָב פון דירה-געלד, נאָר מיט'ן בעדינג. אַז פון היינט אָן מוזטו צאָהלען.

דער יודישער לאָקאַטאָר האָט מיט טרעהרען אין די אויגען געדאַנקט דעם קריסטליכען ווירט און גענומען אויף זיך מה־יום והלאה צו צאָהלען רעגולער דאָס דירה-געלד.

אַ גוטער און איידעלער טהאַט.

דאָס איז אַ טשענסטאָכאָווער מדה.

כ'ווייס נישט צי אַנדערע שטעדט זענען אויך געבענשט מיט דער דאָזיגער מדה, אָבער וועגען טשענסטאָכאָוו קאָן מען זאָגען אויף זיכער, אַז זי צייכענט זיך אויס אויף דעם געביעט אין אַ גאָר הויכער מדרגה.

ווי בעוואוסט, פערמאָגט אונזער שטאָדט אַ גאַנצע רייהע אינסטיטוציעס קולטורעלע, פילאַנטראָפּישע און געזעלשאַפטליכע.

אַז אַלע ראַנגלען זיך מיט דער גרעסטער נויט איז פאַר אַלעמען בעוואוסט און פונדעסטוועגען זענען אונזערע יודען, איבערהויפּט אונזערע גבירים גלייכגילטיג צו דעם אַלעם, דערפאַר אָבער, אַז ס'קומט עמיצער אַהער פון דער פרעמד זאַמלען געלד, נעמט ער שטענדיג אַרויס אַ גרויסע סומע. אונזערע טשענסטאָכאָווער יודען האָבען ליעב צו געבען אויף צוועקען, וועלכע זיי זעהען און ווייסען נישט פון זיי.

מיר האָבען שוין אָנגעוויזען דערויף, אַז משולחים פון פערשידענע ישיבות נעמען היע יאָהר - יעהרליך אַ סך הונדערטער, אין דער צייט, ווען די היגע „מחזיקי הדת" ראַנגלעט זיך מיט די לעצטע כחות און שיקט נישט אַרויס איבער דער וועלט קיין משולחים. דאָס זעלבע איז מיט אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס.

געקומען איז מיר דאָס אויפ'ן רעיון, ווען איך האָב געזעהן די אויטאָמאָביל-פאָהרער קיין ארץ-ישראל, וועלכע האָבען צוזאַמענגענומען אין טשענסטאָכאָוו „געלעגענהייטליך" אַ פּאָר הונדערט זלאָטעס און אונזערע יודען האָבען גערן געגעבען; אַנדערש איז אָבער, ווען דיזעלבע יודען דאַרפען געבען אויף אייגענע טשענסטאָכאָווער אינסטיטוציעס.

אַזוי זענען זיי שוין אונזערע טשענסטאָכאָווער יודען, דאָס איז, ווייזט אויס אַ טשענסטאָכאָווער מדה...

צו וואָס צאָהלען טייערער?

מען מאַכט מיך אויפמערקזאַם אויף פאָלגענדען נישט-עטישען פאַל, וואָס טרעפט זעהר אָפט ביי יודען.

ווי איהר ווייסט, פאָהרען אַרום פוהרלעך מיט קויהלען, וועלכע באָטען אָן זייער סחורה.

אַז דאָס ברענגט שאָדען די יודישע קויהלען-הענדלער איז אַ פאַקט, אָבער אַז מען זאָל קויפען ביי די פוהרלעך קויהלען פאַר דעמזעלבען פרייז, וואָס מען בעקומט אין די יודישע סקלאַדעס איז שוין בעשטימט אַ פערברעך און פונדעסטוועגען האָבען אַזעלכע זאַכען פּאַסירט.

אויף דער אַגראַדאָווע גאַס האָבען יענע וואָך יודען (איך קאָן זייערע נעמען) געקויפט קויהלען צו 3.60 אַ קערץ אין דער צייט, ווען אין די יודישע סקלאַדעס קען מען בעקומען אַ קערץ פאַר דעם זעלבען געלד, געווענטועל מיט 10 גר. טייערער.

אַז און די סקלאַדעס גיט מען אַ גוטע וואָג און ביי די פויערים איז נאָך אַ פראַגע. און ווער שמועסט די קוואַליטעט איז דאָך אויך אַנ'אונטערשיעד.

טאָ רבותי, איז די פראַגע: פאַרוואָס קויפט איהר נישט די קויהלען אין אַ יודישען סקלאַד. צו וואָס צאָהלען טייערער?

„אַ פרייע עליה".

נישט בלויז די פערשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען, וועלכע האָבען געוואָלט כאַפּען שטימען צו די קאָנגרעס-וואַהלען האָבען פּראָקלאַמירט „פרייע עליה", נאָר אַפילו די חסידים, וועלכע נעמען נישט קיין אַנטייל אין קאָנגרעס האָבען אויך פּראָקלאַמירט פ ר י י ע ע ל י ו ת.

דער אונטערשיעד איז נאָר דער, וואָס די ציוניסטען האָבען פּראָקלאַמירט אַ פרייע עליה און האָבען נאָכנישט די הסכמה פון ענגלאַנד, אין דער צייט, ווען די חסידים האָבען דאָס שוין איינגעפיהרט אין לעבען.

אין ראַדאָמסקער שטיבעל אין אַלטען מאַרק האָבען די גבאים ערקלערט, אַז אַלע חסידים בעקומען פרייע עליות און דאַרפען נישט מנדר צו זיין ביים מי שברך.

די ראַדאָמסקער חסידים האָבען אַלזאָ פערווירקליכט „פרייע עליה" נאָך פאַר די ציוניסטען...

נאָכאַמאָל די פראַגע וועגען יודישע סטרוזשעס.

יענע וואָך האָבען מיר געשריבען וועגען אַ יוד, וועלכער ווענדט זיך צו די יודישע הויז-ווירטען, אַז זיי זאָלען איהם צונעמען אַלס סטרוזש.

דערצעהלט מיר אַ יוד, אַז אין אַ יודישען ערציהונגס-אַנשטאַלט וואַקירט אַ פּאָסטען פון אַ וואָזשנע, אַ כמו-סטרוזש און ווי ער ווייסט ווערט דאָרט צוגענומען אַ נישט-יוד, כאָטש יענער האָט ערגיץ וואו אַ פּאָסטען.

האַלט איך, אַז ס'וואָלט געווען אַ יושר, אַז אויך אַ יוד זאָל די זכיה האָבען אָנגענומען צו ווערען אַלס אַ סטרוזש אין אַ יודיש ערציהונגס הויז.

לויתן

קלייניגקייטען.

ארויסגעווארפען די „אגודה".

— האלא! ווער רעדט? ליינ איך צו דאס טרייבעל צום אויער.

— רעדאקציע „טשענסטאכאווער צייטונג"? — אזוי איז עס, ענטפער איך— אויב אזוי, זייט מוחל — דערהערט זיך א נערוועאישע שטימע דורכ'ן טעלעפאן — קומט שוין צו געהן אויף קאטעדראלנע, וועט איהר זעהן עפיס אויסטערלישעס, אזעלכעס וואס וועט זיין פאר אייער צייטונג א גרויסע סענסאציע...

— זאגט מיר וואס דארט איז געשעהן — האב איך זיך געבעטען ביי מיין טעלעפאנישען אינפארמאטאר. יענער האט אבער נישט געוואלט אויסזאגען דעם סוד און ווען איך האב איהם שטרענג געזאגט, אז איך וועל זיך נישט ריהרען פון ארט, ביז כ'וועל נישט וויסען וועגען וואס עס האנדעלט זיך. האט ער מיר נאר געזאגט פאלגענדעס: דער פרעזעס פון דער „אגודה" האט ארויסגעווארפען פון דער דירה די „אגודה", דער הויף פיעל מיט הונדערטער נייגעריגע, ס'טהוט זיך חושך.

אין צוויי מינוט ארום בין איך שוין געווען אויפ'ן פלאץ. דעם קאמארניק האב איך שוין נישט געטראפען, אויך קיין הונדערטער מענשען זענען נישט געווען פערזאמעלט, איך האב נאר געזעהן, ווי דער סטרוזש האט געשלעפט די ארויסגעווארפענע בענק און זיי אריינגעטראגען אין א קאמער.

דער איבערגעבליבענער עולם האט זיך צו מיר געווענדעט מיט א בקשה, אז איך זאל למען השם בעשרייבען דעם הימעל-שרייענדען סקאנדאל. הישמע כזאת! אז א ווירט, וועלכער איז פרעזעס פון דער אגודה, זאל ארויסווארפען זיין פארטיי אויף דער גאס, און ווען נאך? ווען מען איז איהם גארנישט שולדיג קיין דירה-געלד.

א צווייטער האט ווידער א טענה, אז דער צווייטער שותף פון הויז איז אריין אין חדר, ווי עס שטעהן די ספרי תורות אהן א היטעל, אינדערצייט ווען דער קאמארניק האט בעת ער האט אויסגעפיהרט די עקסמיסיע יא אנגעטהון דאס היטעל. קומט ווידער צו געהן א דריטער און איז מלמד זכות אויף די בעלי בתים, אז באשר זיי זענען שולדיג פאדאטקעס אין מאגיסטראט, און די גבאים פון דעם „אגודה"-מנין האבען נישט געוואלט בעצאהלען עם חוב פון 18 הונדערט זלאטעס, וואס זיי זענען שולדיג דירה-געלד, האט מען זיי געמוזט עקסמיסירען, כדי צו ווייזען, אז עס טאר נישט זיין הפקר פיעטרישקע, פאקטיש אבער וועט די „אגודה" און נישט דאס ביי איהר איינגעדינגענע מנין ווייטער דארט יא וואוינען.

קומט צו געהן א פיערטער און דערצעהלט — קומט צו געהן א פינפטער, א זעקסטער און אויך די גבאים זענען געקומען מיט א טענה, אויך די בעלי בתים דערצעהלען — הקיצור, איך האב זיך אזוי פיעל אנגעהערט, אז כ'האב אליין נישט געוואוסט, וועמען איך זאל הארכען... און דער עיקר אז כ'קאן נישט דערגעהן קיין טאלק, ווער עס איז שולדיג און ווער עס איז גערעכט...

דער עיקר איז, אז דאס „אגודה"-מנין פון קאטעדראלנא, וואו איין שותף איז דער פרעזעס פון דער „אגודה" איז עקסמיסירט געווארען.

דאס איז דער **פאקטישער** פאקט און אט דאס שרייב איך טאקע, אז די „אגודה", די מעכטיגע גרויסע „אגודה" האט פערלוירען דעם באדען און געפונט זיך אויף דער גאס...

ברוך שפטרני.

דאס מיין איך די שיקסעס, וועלכע זענען געווען ממונה אויף די טעלעפאנען און האבען טויזענדער מענשען קאליע געמאכט די נערוועז.

וואס האבען מיר זיך נישט אנגעליטען פון זיי? שטעלט אייך פאר, איהר דארפט מעלדען דורכ'ן טעלעפאן וועגען זעהר א נויטיגען ענין, אבער דאס מוז זיין כהרף עין, דרעהט איהר אן דעם טעלעפאן און די נערוועז ארבייטען ביי אייך, איהר האט שוין נישט קיין געדולד, די שיקסע אבער רופט זיך נישט אב, דרעהט איהר נאך אמאל און נאך אמאל און מען הערט אייך ווי דעם קאטער.

אדער איהר דארפט טעלעפאנירען צו דער פאגאטאוויע וועגען א שווערען צופאל, וואס האט געטראפען, זאל מען זאגען אייער שוויגער, אדער עס איז אויסגעבראכען א שרפה, און דאמאלס פונקט האט די שיקסע געכאפט א פלירט און איהר ווערט צופלעצט פאר עגמת נפש ביים טעלעפאן שטעהענדיג.

ווען מען האט אייך שוין יא בעוויליגט צו ענטפערן זענען אויך פארגעקומען מכשולים. איהר האט דער שיקסע געזאגט 201, האט זיך איהר פערגלוסט צו פערבינדען מיט 301 און ווען איהר ווילט אויפמערקזאם מאכען אויפ'ן טעות, קענט איהר רעדען צו דער וואנד, די שיקסע איז ערגיץ פערנומען...

היינט אבער ביי די אויטאמאטען איז דאך א מחיה, איהר זענט אליין די „שיקסע" און רעדט מיט וועמען איהר ווילט.

ס'איז טאקי אמת, אז די ליטשניקעס וועלען ביי אייך צונעמען אביסעל געלד, ס'איז אבער אלץ ווערט, אבי מען האט די פאסקודנע שיקסעס, וועלכע האבען צוטרייסעלט די נערוועז ביים עולם פטור געווארען.

הויב איך טאקע אויף די אויגען און זאג מיט גרויס כונה:

ברוך שפטרני...

סעם.

די קאנגרעס = וואהלען

אין טשענסטאכאוו.

די וואהל-אקציע צום 18 ציוניסטישען קאנגרעס איז, אזוי ווי אין גאנץ פוילען, אויך ביי אונז אין שטאדט געפיהרט געווארען זעהר העפטיג. די לעצטע טעג פון די וואהלען האבען אלע ריכטונגען איינגעארדענט מיטינגען מיט .ארטיגע ווי אויך מיט ארויסגעבראכטע כחות פון ווארשא.

דעם לעצטען שבת האבען כמעט אלע ליסטעס מיט'ן אויסנאהם פון „עת לבנות" איינגעארדענט מיטינגען אין פערשידענע זאלען פון שטאדט און אויך אין אייגענע לאקאלען.

אויף א סך מיטינגען איז געקומען צו אינצידענטען מיט די געגנער, וועלכע האבען מזכה געווען מיט גאזבאמבעס און אנדערע געשמאקע ריחות.

שבת האט זיך אויך בעוויזען אין גאס א דעקלאראציע, אונטערגעשריבען דורך אלע פארשטעהער פון די וואהל-ליסטעס, אז זיי גאראנטירען די רוה און ארדנונג בעת די וואהלען. אויף וויפיעל אבער דאס האט געשטימט מיט דער ווירקליכקייט האט בעוויזען דער זונטאג'דיגער טאג פון די וואהלען.

דער וואהל-טאג.

באלד אינדערפריה—זענען די גאסען פערפלייצט געווארען מיט אגיטאטארען, וועלכע האבען געריטען אויף פערד און אויף וואגענס, דעקארירט מיט פערשידענע פלאקאטען און געווארפען פעק ליטעראטור מיט נומערען.

ס'זענען אויך פארגעקומען עטליכע אינצידענטען צווישען די געגנער. אם-מעהרסטען האט זיך דער קאמף צופלאקערט צווישען די אנהענגער פון די 5 ער מיט די 6-ער און 4-ער. די „התאחדות" האבען געארבייט רוהיגער, אויך דאס 3-ערל האט זיך מיט קיינעם נישט געקרינט און אגיטירט בעשיידען. דאס 2-ערל האט מען שוואך אנגעזעהן.

ביי דער וואהל-אורנע איז די פרעקווענץ געווען א שטארקע; א גאנצען טאג איז געשטאנען א גרויסער עולם און געווארט אויף דער רייה, כדי צו קענען אבגעבען די צעטלען.

אין דער וואהל-ביורא זענען כמעט א גאנצען טאג, מיט קליינע הפסקות פארגעקומען מחלוקות צווישען די קאמיסיע מיטגלידער, בעת וועלכע ס'האבען זיך אריינגעמישט זייטיגע פערזאנען און אלע מאל איז געלונגען אויסצומיידען ערנסטע קאנפליקטען. עס האט זיך געדאכט, אז אזוי וועט אלץ אדורך בשלום. דאס האט זיך אבער נישט איינגעגעבען. אין אוועגד איז אויסגעבראכען א שארפער אינצידענט צווישען די ה"ה יחיאל זילבערבערג און ד"ר מערינג, אין וועלכען ס'האט זיך אויך אריינגעמישט ה' בראטמאן און מ'האט בענוצט פאליציי, וועלכע האט ארויסגעפיהרט דעם ה' זילבערבערג פון זאל. דאן האט ה' בראטמאן א שטארק דענערווירטער ארויבגעריסען די פלאמבע פון דער וואהל-אורנע. דערויף איז ענטשטאנען א כאאס און א טייל מיטגלידער האבען זיך געווארפען אויפ'ן ה' בראטמאן און איהם צושלאגען.

די וואהלען זענען דעריבער אבגעשטעלט געווארען.

באלד האט זיך די וואהל-קאמיסיע געווענדעט טעלעפאניש קיין ווארשא אין דער הויפט-וואהל-קאמיסיע און איבערגעגעבען וועגען דעם אינצידענט. ס'איז דאן אנגעקומען אן'ענטפער, אז מען זאל די וואהלען איבעררייסען.

דער עולם, וואס איז דערווייל געשטאנען אין דער רייה און געווארט, איז ענטוישט און פערביטערט אהיימגעגאנגען מיט די צעטלען אין דער האנד.

ווען די וואהלען וועלען פארקומען און צי זיי וועלען איבערהויפט נאך פארקומען וועט ענטשידען ווערען די נאהנטסטע טעג. וואהרשיינליך וועלען זיי פארקומען זונטאג, דעם 6 ק. ח.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון מחזיקי-הדת.

דעם קומענדען זונטאג פונקטליך 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל די אלגעמיינע פערזאמלונג פון מחזיקי-הדת מיט'ן געהעריגען טאג-ארדנונג.

וועגען דער וויכטיגקייט פון דער דאזיגער אינסטיטוציע אין אונזער שטאדט איז איבריג צו שרייבען, ווארום אלע ווייסען, אז דאס איז דער ארט, וואו 400 יודישע קינדער ווערען ערצויגען אין שטרענג רעליגיעזען גייסט און בעקומען דארט א ידיעה אויף אלע געביעטען פון תורה נביאים און כתובים און תלמוד, ווי אויך למודי חול. ליידער געפונט זיך אבער די אינסטיטוציע אין א זעהר שווערע מאטעריעלע לאגע.

איז דעריבער דער חוב פון אלע מיטגלידער צו קומען אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג און בעשטימען איהר גורל, אז די דאזיגע וויכטיגע אינסטיטוציע זאל ווייטער קאנען שטעהן אויף דער הויך פון איהרע אויפגאבען לטובת די ציילען, וועלכע זי האט זיך געשטעלט.

מען לאזט נישט יודען האנדלען אין טשענסטאכובקע.

די לעצטע טעג האט זיך די אנטיסעמיטישע העצע איבערגעטראגען אויך קיין טשענסטאכובקע, וואו מען לאזט נישט יודען האנדלען.

די וואך זענען עטליכע יודישע הענדלער צעשלאגען געווארען; אזוי איז אויך איבערפאלען געווארען א פוהר מיט יודישע פראדוקטען און מען האט זי געוואלט פערניכטען, נור א דאנק א צופאל איז עס ניצול געווארען.

די געהעריגע מאכט דארף זיך פעראינטערעסירען מיט דעם דאזיגע ענין און דעלעגירען איהרע פאליציי-פונקציאנארען, כדי נישט צו דערלאזען די כוליגאנישע אנפאלען אויף יודישע הענדלער.

וויכטיג פאר מאטוריסטען — קאנדידאטען אויף מעדיצין און דענטיסטיק.

דער יודישער מעדיקער - פעראיין ארדענט איין אן'ארגענצונגס-קורס פאר

קליינער פעליעטאן.

אין לנו מנחם...

(צו שבת חזון).

אהן א גוט מארגען און אהן שום בעגריסונג האט זיך צו מיר אריינגעשלייכט מיין שכן ישראל יודל, זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל, ארויסלאזענדיג פון צייט צו צייט א זיפץ.

איך האב איהם נישט געוואלט פרעגען וואס ס'דריקט איהם אויפ'ן הארץ, ס'איז גענוג געווען א בליק צו טהון אויף זיין אויסגעבלאסט פנים, אריינקוקען אין זיינע פערלאשענע אויגען און מען האט פערשטאנען, אז ער לעבט עפיס איבער מורא'דיגעס, אז גלייכער וואס זיין דאס מען זאל איהם נישט טשעפען...

אבזיצענדיג א לענגערע צייט אין שטילשווייגען האט ער ענדליך מיט א געשטיקטער שטימע און מיט א קול פון איכה-ניגון אנגעהויבען אויסצוגיסען זיין ביטער הארץ.

— או מה היה לנו—הויבט ער אן מיט א פסוק פון קנות—וואס איז פון אונז יודען געווארען און וואס וועט מיט אונז זיין?!

— ישראל יודל—זאג איך—וואס איז אייך, וואס געהט איהר אזוי אראבגעלאזט מיט'ן קאפ און וואס קלאגט איהר אזוי ווי ס'וואלט אייך חס-ושלום עמיצער אבגעשטארבען?

— יא—ענטפערט מיר מיין שכן—עס איז מיר אבגעשטארבען דאס טייערסטע און ליבסטע אין לעבען, ס'איז מיר אבגעשטארבען מיין האפנונג און וואס אימשטיינס געזאגט, האבען דען מיר יודען מעהר, ווי דאס איינציגע שטיקעל האפנונג, דאס האט דאך אונז דערהאלטען אין שווערען גלות, אין אלע ענוים, צרות און גזירות, וועלכע מיר האבען אין משך פון גאנצע דורות אדורכגעליטען, איז די האפנונג געווען אונזער איינציגע טרייסט און איצט האבען מיר אויך דאס לעצטע שטיקעל האפנונג פערלוירען, או מה היה לנו.

— וואס איז—ווער איך שוין דערשראקען—זאגט מיר דאך, וואס אזוינס איז געשעהן?

— נישט מיר איז געשעהן, נאר דעם גאנצען יודישען פאלק האט פאסירט אנ'אומגליק, מיר זענען פערלוירען און ווער ווייסט צו מיר וועלען נאך האבען א תקומה?

— הערט—צושרייט ער זיך און איך הער ווי טרערען שטיקען איהם—שוין 2 טויזענד יאהר, ווי מיר וואלגערן זיך ארום אין גלות, וויפיעל גזירות און גירושים האבען מיר שוין אדורכגעמאכט וויפיעל אויטא-דא-פע'ס און פאגראמען האבען מיר אדורכגעלעבט. מיר זענען אבער געווען שטארק אין אונזער בטחון, אז סוף כל סוף וועט דז וון אויך פאר אונז אויפשיינען, אז עס מוז קומען די גאולה. טייל האבען געגלויבט אין משיח'ן, אנדערע זענען געווען זיכער, אז די יודען האבען אדורכצופיהרען א גרויסע מיסיע אויף דער וועלט און סוף כל סוף וועלען יודען אויך ווערען א פאלק מיט פעלקער גלייך.

אין די לעצטע יאהרען, ווען ס'איז ענטשטאנען דער פאליטישער ציוניזם און ווער שמועסט אין גאר די לעצטע יאהרען, ווען ארץ-ישראל איז געווארען א פאקט אין יודישען לעבען האט ביי אלע יודען אויפסנייע אויפגעלעבט די האפנונג, אז אט-אט וועלען זיך ענדיגען אונזערע צרות און מיר וועלען אנהויבען צו זיין א נארמאל פאלק.

וואס מעהר די שונאים וועלען אונז פייניגען, וואס מעהר היטלער וועט זיך פערנעמען אויסצוראטען דאס יודישע פאלק, אלץ מעהר וועט זיך ביי אונז פערשטארקען דער ווילען אויסצולייזען די ערד פון אונזערע אבות און בילדען א יודישע מלוכה אין אייגענעם לאנד און מיט א פערכאפטען אטעם האבען מיר אויפגענומען יעדען גרוס, וואס איז געקומען פון ארץ-ישראל און מיט פערבענקטע אויגען און קלאפענדיגע הערצער האבען מיר געווארט אויף דער מינוט, ווען עס וועט קומען די רייהע אויף אונז און אונזערע קינדער עולה צו זיין אין אונזער לאנד.

ס'פערשטעהט זיך דאך, אז מיר האבען זיך צוגעגרייט אנטייל צו נעמען אין די וועהלען צום 18 ציוניסטישען קאנגרעס און גרויס איז געווען אונזער פרייד, ווען מיר האבען געזעהן, אז צום קאנגרעס וועהלען שוין נישט קיין יחידים, נאר מאסען; אז דער ארץ-ישראל-געדאנק איז שוין אריינגעדרינגען אין גאנצען יודישען פאלק. וואס איז מיך אנגעגאנגען וויפיעל ליסטעס עס פיגורירען, אז אלע מיינען דאך נאר די טובה פון יודישען פאלק. און א יום-טוב איז געווען ביי מיר דער 23 יולי — אט וועלען אונזערע דעלעגאטען פאהרען אויפ'ן קאנגרעס און וועלען בעשטימען דעם גורל פון אונזער צוקונפט. צי זיי וועלען אבשאפען די סערטיפיקאטען אדער זיי וועלען בעקומען פאר יודען דעם עבר הירדן — איז נישט מיין זאך, זיי, די דעלעגאטען זענען קלוגער און זיי וועלען שוין וויסען וואס צו טהון.

אזוי האב איך זיך געטראכט און באלד אינדערפריה האב איך זיך אנגעטהון דאס נייע מלבוש און מיטנעמענדיג מיין ווייב זענען מיר געגאנגען וועהלען, אבער אוי-וועה, וואס טהוט זיך דאס אין גאס, וואס פאר א צוזאמענגעלויף?! זעה נאר, ווייזט מיר מיין פרוי, דארט שלאגט מען זיך! מען שלאגט זיך?—ווער איך דערשראקען—מסתמא זענען נישט יודישע כוליגאנעס אנגעפאלען אויף די יודישע יונגלעך. און איך האב זיך געאיילט אויפ'ן ארט פון געשעהעניש, כדי צו ראטעווען די יודישע יונגלעך פון א כוליגאנישען אנפאל. נאר וועה איז מיר, נישט קיין שקצים זענען בעפאלען, נאר אייגענע, א ברודער אויף א ברודער און געשלאגען האבען זיי נאך ערגער ווי די גוים; א שאנדע צו דערצעהלען אפילו שטעקענעס האבען זיי בענוצט.

אז איך האב דאס דערזעהן איז מיר דאס הארץ איינגעפאלען, איך האב זיך געשעהמט פאר זיך און באלד שלעפט מיך מיין ווייב ביים ארבעל. קום אהיים—טענה'ט זי—איך האב דיר באלד געזאגט, אז איך וויל נישט וועהלען, אז איך...

— קום—האב איך איהר אבגעענטפערט—מאך דיך נישט נאריש, מסתמא האט איינער דעם צווייטען בעליידיגט. און די היינטיגע יוגענד ווייסטו דאך גיט זיך באלד אין באק (דאס האב איך איהר אזוי איינגערעדט, פאקטיש אבער בין איך שוין געווען נידערגעשלאגען און האב געזעהן, אז מיין ווייב האט רעכט...) מיין יודענע האט זיך געלאזט איבעררעדען און מיר זענען געגאנגען וועהלען.

אין דער אלטע נר. 5 איז געשטאנען א גרויסע רייהע מענשען און געווארט ביז ס'וועט צו זיי אנקומען. ענדליך נאך 2 שעה שטעהן אויפ'ן רעגען קומען מיר אריין אין לאקאל נאר וואס דארט האט זיך געטהון זאל שוין גאט שומר ומציל זיין! א גערודער, א געשריי און איך זעה ווי ביים קעסטיל, וואו מען לעגט אריין די צעטלען, אמפערט מען זיך און איינער האלט דעם אנדערן ביי די קלאפעס, אלע שרייען, אז מען קאן טויב ווערען און פאותו הרגע פליהט א פאטש, ס'הויבען זיך קולאקעס, פאליציי מישט זיך אריין, מען שלעפט איינעם ארויס און אונז אלע האט מען ארויסגעווארפען.

מיין ווייב האט אנגעהויבען חלש'ן און קוים מיט צרות איך האב זי א האלב-טויטע אהיימגעבראכט.

וואס איך האב איבערגעלעבט די גאנצע נאכט—ביטערט ווייטער ישראל יודל—בין איך אייך נישט אימשטאנד איבערצוגעבען, נאר ווען איך בין אויפגעשטאנען אינדערפריה האב איך געהאט דעם איינדרוק, אז איך בין געווארען אנ'אבל, אז מען האט מיר אוועקגענומען דאס, וואס איז מיר געווען היילינג און טייער, אז מיר יודען זענען נישט פעהיג צו זיין א פאלק, אז מיר זענען נישט ווערט די גאולה...

— — — — —

— נעמט אייך נישט איבער — האב איך מיין שכן געוואלט טרייסטען — ס'מאכט נישט. אט זאגט דאך דער נביא: בדם ואש יהודה נפלה ובדם ואש יהודה תקום, אז אזוי ווי דאס מלכות יהודה איז געפאלען מיט בלוט און פייער אזוי וועט ארץ-ישראל צוריק אויפגעבויט ווערען מיט בלוט און פייער. ר' ישראל יודל האט זיך אבער נישט געלאזט טרייסטען.

— ניין, מיר זענען פערלוירען און אזוי ווי ער איז אריין, אזוי איז ער אויך ארויס מיט אנ'אראבגעלאזטען קאפ און מיט א שווערען זיפץ: או מה היה לנו!... אין לנו מנחם...

סמאל

קאנדידאטען אויפ'ן מעדיצינישען פאקולטעט ביים ווארשאווער אוניווערזיטעט און אויך פאר קאנדידאטען אויפ'ן מלוכה'שען דענטיסטישען אינסטיטוט אין ווארשא.

דער קורס וועט ארומנעהמען פאלגענדע געגענשטאנדען: כעמיע, פיזיק, פיזיאלאגיע, ביאלאגיע, אנאטאמיע (ספעציעלע לעקציעס פאר דענטיסטען) היגיענע און אנדערע.

דער קורס וועט געדויערען במשך פון 2 וואכען דירעקט פאר דעם קוואליפיקאציע-עקזאמען.

אינפארמאציעס ערטיילט און נעמט אן איינשרייבונגען אויך שריפטליך דער סעקרעטאריאט פון פעראיין טעגליך פון 8 ביז 8 עלעקטאראלנע 8 וו. 25, טעלעפ. 249.03.

פון דער „פעדעראציע פון פוילישע יודען".

דער צייטווייליגער קאמיטעט פון דער היגער „פעדעראציע פון פוילישע יודען" האט זיך קאנסטיטואירט אויף פאלגענדען אופן: פרעזעס — ד"ר היפאליט גייזלער, וויצע-פרעזעס — ה' ווילהעלם זשערקער, סעקרעטאריאט — די ה"ה ד"ר ל. גוטמאן, מ. אש און מגר. ג. זארסקי, קאסירער — ד"ר ד. קאגאן און ווירטשאפטלער — ה' ד. דזיאלאוויטש.

די איבריגע מיטגלידער פון קאמיטעט בעשטעהען פון די ה"ה: ד. באזשיקאווסקי, י. גאלדבערג, א. דזיאלאווסקי, ס. וויטזשיק, דיר. ז. מארקאוויטש, ש. ניעמיראווסקי, ה. ניעמיעץ, ד"ר ב. עפשטיין, א. עפשטיין, ד"ר סט. קאהן, ש. קאץ און י. ראזענבערג.

אויף דער לעצטער קאמיטעט-זיצונג איז בעשלאסען געווארען צוצוטרעטען צו א גרויסער ווערבירונגס-אקציע פון מיטגלידער און דאן וועלען נאך עטליכע מיטגלידער — אין הסכם מיט דער פולמאכט פון דער גרינדונגס-פערזאמלונג — צוקאאפטירט ווערען אין קאמיטעט און ס'וועט אויך בעשטימט ווערען א צווייטער וויצע-פרעזעס.

ווייטער איז בעשלאסען געווארען, כדי צו ערמעגליכען די פאלקס-מאסען אריינצוטרעטען אין דער פעדעראציע, אז מיטגלידס-בייטראג זאל בעטרעפען חודשליך פון 20 גראשען ביז א זלאטי.

דער צייטווייליגער סעקרעטאריאט געפונט זיך אין ל אקאל פון דער האנדווערקער-ארגאניזאציע (אלעע 12) און איז טעטיג טעגליך פון 7 ביז 9 אין אווענד.

„שריי כינא".

דאס איז דער לעצטער שלאגער, וואס די ווילנער טרופע האט אויפגעפיהרט אויף דער ווארשאווער ביהנע און האט ארויסגערופען א געוואלדיגען אינטערעס אין דער גאנצער טעאטער-וועלט

מיט „שריי כינא", אונטער דער רעזשי פון י. ראטבוים האט די ווילנער טרופע בעוויזען, אז זי היט אב טריי איהרע טראדיציעס אויפצופיהרען ערנסטע זאכען און דאס אויפפיהרען די זאך ווערט זארגפעלטיג אבגעהיטען א. א. וו., אז די פארשטעלונג איז א געשעהעניש פאר'ן בעסערן יודישען טעאטער עולם.

אלע ווארשאווער צייטונגען האבען זיך ווארים אבגערופען וועגען דער פארשטעלונג און א סך רעצענזענטען האבען זיך ארויסגעזאגט, אז די ווילנער טרופע האט די זאך בעסער אויסגעפיהרט ווי דער „אטענעאום", וועלכער האט גלייכצייטיג געשפילט „שריי כינא".

„שריי כינא" ווערט געשפילט אין טשענסטאכאוו אין קינא „אטלאנטיק" אויף א ספעציעל צוגעגרייטער צו דער זאך ביהנע. היינט פרייטאג און מארגען שבת נאכמיטאג, ווי אויך אין אווענד.

דער פראבלעם איז געלעזט געווארען.

פרל. ס. האט מיט אונגעדולד געווארט אויף דעם גליקליכען טאג פון דער חופה, ווען זי וועט זיך אויף אייביג פעראייניגען מיט איהר הערצענס געליבטען אדאלף, וועלכען זי ליעבט מיט אלע פיבערן פון איהר נשמה.

אין איהר פאנטאזיע האט זי זיך געמאלען די הערליכסטע בילדער וועגען איהר צוקונפט און וועגען זייער געמיינזאם צוזאמענלעבען. איין קלייניגקייט האט אבער פערביטערט איהר געמיט און דאס איז, אז זי וועט נישט קאנען זיך אומגעהן מיט דער ווירטשאפט און איבערהויפט מיט דער קיך, מיט וועלכער זי האט זיך קיינמאל אין דער היים נישט פערנומען.

האט זי טאקי פעדברענגט שלאפלאזע נעכט, טראכטענדיג ווי אזוי צו לעזען דעם דאזיגען פראבלעם.

איז זי ארומגעגאנגען א אומעטיגע און איהר גליק איז איהר פערשטערט געווארען ביז — ביז זי האט זיך פערטרויט פאר איהרס א חבר'טע, וועלכע האט מיט א פאר חדשים צוריק ערשט חתונה געהאט און זי געפרעגט מיט טרעהרען אין די אויגען ווי אזוי יענע האט זיך איינגעארדענט און איבערהויפט ווי אזוי זי געהט אום מיט דער קיך.

דאס יונגע ווייבעל, אויסהערענדיג די טענה פון איהר קאלעזשאנקע האט ארויסגעפלאצט מיט א געלעכטער און זי אריינגעפיהרט אין דער קוך אריין, גא זעה, האט זי איהר אנגעוויזען אויף אן עלעקטרישען טשייניק און אן עלעקטריש ביגעל-אייזען און אנדערע מכשירים, וואס זי האט געקויפט אין דער היגער עלעקטראווניע אויסצואהלען אין ראטעס—דאס פערטרעט מיר די קיך און אין עטליכע מינוט קאן איך מיר יעדע זאך, וואס כ'וויל און דארף זיך נישט מאטערן ביי דער קוך.

קויף דיר אזא טשייניק, א ביגעלאייזען וועל איך דיר קויפען דרשה-געשאנק און דו וועסט זיין צופרידען און גליקליך.

מיט שטראהלענדע פרייד האט דאס כלה-מיידעל פרל. ס. פערלאזט איהר חברט'עס וואוינונג און זיך באלד איינגעשאפט אין דער היגער עלעקטראוווניע א טשייניק.

צו דער חופה איז די כלה געוועזן איבערגליקליך איהר פנים האט געשיינט און אלץ צוליעב דעם, ווייל דער פראבלעם קוך איז ערלעדיגט געווארען.

פון ספארט

פון י. ט. ס. פ. „מכבי".

די פארברייטונגס - איבונגען פאר מיטגלידער צו דערגרייכען די פ. א. ס. (פאנסטוואווא אזנאקא ספארטאווא) קומען ווייטער פאר אויפ'ן ספארט-פלאץ, אלעע וואלנאשטשי 15 פון 6—8 נאכמ.

אלע מיטגלידער אקטיווע און פאמיווע, פרויען און מענער דארפען זיך בעמיהען צו דערגרייכען די פ. א. ס.

לייכטאטלעטישע מעהר-קאמף מייסטערשאפטען.

זונטאג, דעם 30 ד. ח. 4 נאכמיטאג קומען פאר אויפ'ן סטאדיאן פון מארשאל יוזעף פילסודסקי קרייז-מייסטערשאפטען פון אויבערשלעזען אין דריי-קאמף פאר דאמען און פינף קאמף פאר מענער.

די קאמפען האבען ארויסגערופען א ריזען אינטערעס אין די היגע ספארטקרייזען, צוליב דעם, וואס עס קומען צו פאהרען די בעסטע מעהר-קעמפער פון די אויבערשלעזישע קלובען:

א יוד — וויצע-מייסטער פון טעניס אין טשענסטאכאוו.

די לעצטע 3 וואכען זענען אין טשענסטאכאוו פארגעקומען די מייסטערשאפטען פון טעניס.

פון די פיעל אנטיילנעמער אינ'ם דאזיגען קאנקורס האט זיך אויסגעצייכענט דער יונגער יודישער טעניס-שפילער ה' מ. זעלקאוויטש, וועלכער איז נאכ'ן בעזיגען א גאנצע רייהע ערשטקלאסיגע רוטיניר'טע טעניס שפיעלער, ווי: מאלעץ, סטאלענס, דעם טארנער וויצע-מייסטער טאזביר און אנד. צוגעגאנגען צום פינאל מיט'ן רוטינירטען בארליסקי, וועלכען ער האט זיך געמוזט אונטערגעבען, בלייבענדיג אויפ'ן צווייטען ארט און דערגרייכענדיג דעם טיטול-וויצע מייסטער פון טשענסטאכאוו. דאס איז פאר דעם יונגען יודישען טעניס-שפיעלער א זעהר גוטער רעזולטאט.

„אוניא" (סאסנאוויץ) — ר. ק. ס. (ראדאם) (6:1) 7:4.

אין דער ערשטער העלפט האט „אוניא" שטארק אטאקירט דעם ר.ק.ס. געוואונענדיג 6 טויערן. אין דער צווייטער העלפט האט ר. ק. ס. פערשטארקט דעם אטאק און געוואונען 3 טויערן ביים געגנער. דער בעסטער פון די שפילער איז געוועזן זיגמאנסקי פון דער „אוניא".

בריעף אין רעדאקציע.

חשוב'ער ה' רעדאקטאר!

אין צוזאמענהאנג מיט די קלאנגען, וועלכע ווערען פערשפרייט אין אונזער שטאדט ארום דער עקסמיסיע פון אגודה-לאקאל האבען מיר דעם כבוד אייך צו בעטען אבצודרוקען אין אייער חשוב'ער צייטונג אונזער פאלגענדע ערקלערונג:

עס איז נישט אמת, אז די אגודה זאל האבען בעזייטיגט געווארען פון איהר לאקאל, דאגעגען איז אמת, אז אונזער ארגאניזאציע געפונט זיך ווייטער אין דעמזעלבען לאקאל און אין דער הינזיכט זענען קיין שום ענדערונגען נישט איינגעטרעטען.

עס איז אמת, אז דינסטאג, היינטיגע וואך, איז אין אונזער לאקאל פארגעקומען אן עקסמיסיע און עס זענען פון לאקאל בעזייטיגט געווארען איינינגע בענק, די דאזיגע עקסמיסיע איז אויסגעפיהרט געווארען צוליעב ריין-פארמעלע טעמים און איז פארגעקומען מיט'ן וויסען און הסכם פון אונזערע פערוואלטענדע ארגאנען.

דאנקענדיג אייך פאראויס פאר'ן אבדרוקען אונזער פאלגענדע ערקלערונג פערבלייבען מיר

מיט דרך-ארץ

„אגודת ישראל", טשענסטחוב.

וו. פרעזעס: א. הורוויץ

סעקרעטאר: משה דזיאלאווסקי.

זעהר חשוב'ער ה' רעדאקטאר!

איך האב דעם כבוד אייך צו בעטען אבצוגעבען אן ארט אין אייער חשובער צייטונג פאר פאלגענדער ענדערונג:

אין דער „טשענסט. צייטונג" № 30 פון פרייטאג פ' מטו"מ דעם 21 ליפיעץ האט ר' שלמה ראזענבוים מיר פארגעווארפען, דאס א הירשל ערליך איז יא געגאנגען מיט זיי דאווענען, נישט צושטייענדיג צום מכלומר'שטען „פראטעסט". דערויף וויל איך אויפקלערען פאלגענדעס:

1) נישט אמת איז, דאס נאר איך איינער בין געגאנגען צום דאווענען, דען יענעם שבת האט מען געדאווענט מיט מנין און עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז ס'האבען מיטגעדאווענט מעהרערע יודען.

2) אין בלעשנער מנין איז נישט פערהאן קיין ראש-החברה און נישט קיין ראש-הקהל, דען מיר זענען פשוט'ע יודען און בעלי-תפלות איז פערהאן עטליכע.

די קריגערייען און העצערייען פון די בלעשנער יורשים (די ראזענבוים'ס) זענען פאר אונז בלעשנער איינוואוינער נישט קיין נייער; ווען מ'זאל וועלען דערויף אכט לעגען, וואלט מען א גאנץ יאהר נישט געדארפט דאווענען מיט מנין. איהר קענט אייך שלאגען, קריגען, טהוט וואס איהר ווילט און ווי עס נאר פאר אייך פאסט, נאר ביטע אין דער צוקונפט נישט אריינמישען אין אייערע סכסוכים קיין פרעמדע מענשען.

הערשיל ערליך.

קאמוניקאט.

אויף דער זיצונג פונ'ם ועד פון „מזרחי" און „תנועת תורה ועבודה" מיט אונזערע פארשטעהער און וואהל-קאמיטעט צום 18-טען ציוניסטישען קאנגרעס, אויף וועלכער עס איז אויסגעהערט געווארען דער בעריכט וועגען די פארגעקומענע וואהלען איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דער פארזיצענדער פונ'ם וואהל-קאמיטעט ה' דר. מעהרינג האט זיך בעצויגען צו אלע מיטגלידער פון וואהל-קאמיטעט קאלעגיאל און פריינדליך און מיר דריקען איהם דערפאר אויס אונזער אויפריכטיגען דאנק פאר'ן פיהרען די וואהלען שטרענג אונפארטייאיש, עהרליך און געוויסענהאפט.

צוליעב די אנגעשטרענגטע בעציהונגען צווישען צוויי עקסטרעמע ציוניסטישע ריכטונגען פון רעכטס און פון לינקס, וועלכע האבען צוגעפיהרט צו די אונאנגענעהמע אינצידענטען און געשלעגערייען, וואס האט געמאכט אונמעגליך צו פיהרען ווייטער די וואהלען אין א רוהיגע אטמאספערע האבען מיר געפונען פאר נויטיג צו שטימען אין וואהל-קאמיטעט צום 18 ציוניסטישען קאנגרעס פאר איבעררייסען די וואהלען.

ועד הסתדרות מזרחי ותדועת תורה ועבודה

קאמוניקאט.

אין צוזאמענהאנג מיט די געשעהענישען, בעת די וואהלען צום 18-טען ציוניסטישען קאנגרעס, וועלכע זענען צוליעב דעם טראר מיט וועלכען עס האבען זיך בענוצט די לינקע גרופירונגען מיט די ה"ה סאק און ד"ר מערינג בראש — אויפגעריסען געווארען און אנשטאט צו זעהען א ריזיגע נאציאנאלע מאניפעסטאציע, וועלכע ס'האבען מיט זיך געזאלט פארשטעלען די וואהלען— האבען זיי דערפיהרט מיט זייער האנדלונג צו א דערנידערונג פון ציוניזם, שטעלען מיר פעסט:

1) אין די ערשטע שעה'ן פון די וואהלען, האט א פארשטעהער פון דער ליסטע 5 ערקלערט אונזער ג. פרעזעס איצקאוויטש אין וואהל-לאקאל, אז אונזער ח' בראטמאן „וועט היינט נישט ארויס א לעבעדיגער פון וואהל-לאקאל".

2) אז נישט וועלענדיג דערמאנען די קלייגע אוואנטורעס, האט די ערשטע גרויסע אוואנטורע ארויסגערופען ה' סאק מיט זיין אונאנשטענדיגער האלטונג און נישט-פאסענדע אויסדריקען אין בעצוג צו אונזער פערדיענסט-פולען ח' בראטמאן.

3) אז ה' סאק האט ערקלערט אין געגענווארט פון אונזער חבר ווארשאוער און זיין חבר שטרויס, אז ער וועט דערפיהרען דערצו, אז די היינטיגע וואהלען זאלען אויפגעריסען ווערען.

4) אז קיין שוט פראטאקאלען זענען נישט געמאכט געווארען ביים אנהויב פון די וואהלען, דעסגלייכען איז דורך דער גאנצער צייט געפיהרט געווארען אגיטאציע אין וואהל-לאקאל דורך די פערטרויאונגס-מענער, טיילענדיג נומערלעך די וועהלער. און אין פאל, ווען מיר האבען געגען דעם רעאגירט האט מען אונז פערשריגען אלס טעראר-מאכער.

5) אז ד"ר מעהרינג איז נישט געוועזען קיין שום פארזיצענדער פון דער וואהל-קאמיסיע, ווי ס'בעהויפטען אנדערע גרופירונגען, ווייל לויט'ן בעשלוס פון דער וואהל-קאמיסיע איז געוועהלט געווארען א פרעזידיום פון 4 פערזאן מיט גלייכע רעכט, צו וועלכער אונזער ח' בראטמאן געהערט.

6) אז די לינקע גרופירונגען האבען זיך ספעציעל געשטעלט אין די רייהען, כדי נישט צו געבען קיין מעגליכקייט די כתם - יודען וועהלער צו וועהלען.

7) אז ד"ר מעהרינג האט זיך ערלויבט נישט האבענדיג צו דעם קיין רעכט, ארויסצופיהרען מיט דער הילף פון פאליציי אונזער פערטרויאונגסמאן ח' זילבערבערג, וועלכער געהערט צו אונזערע מעסיגסטע און רוהיגסטע חברים — אוועקנעמענדיג מיט דעם זעלבסט אונז די מעגליכקייט אבצוהיטען די וועהלער פון די אונאויפהערליכע שיקאנעס מצד די לינקע און די פארשטעהער פון דער ליסטע № 1

8) אז די אונטאקטישע פויסט-האנדלונג פון ה' מערינג אין בעצוג צו אונזער ח' בראטמאן האט דערפיהרט אז אונזערע פארשטעהער זענען געוועזען געצוואונגען אלס פראטעסט געגען בענוצען זיך מיט טראר פערלאזען דעם וואהל-לאקאל און מיט דעם זעלבסט, ווייטער נישט אנטיילצונעמען אין די וואהלען.

9) מיר דריקען אויס דעם הארציגסטען דאנק פאר זיין איבערגעגעבענער ארבייט בעת די וואהלען דעם פערדיענסטפולען און אקטיווסטען חבר אפרים בראטמאן און מיר האפען, אז דער ברוטאלער אנפאל אויף איהם אין וואהל-לאקאל וועט איהם נישט אבשרעקען, נאר פערקעהרט, צוגעבען פרישע ענערגיע און מוט צו זיין ווייטערדיגער טעטיגקייט לטובת דעם הערצליאנישען ציוניזם.

פערבאנד פון דעמאקראטישע ציוניסטען-רעוויזיאניסטען „ברית הצה"ר" (זשאבאטינסקי-גרופע) ובית"ר

אין טשענסטאכאוו.

קאמוניקאט פון בלאק פאר'ן ארב. ארץ-ישראל.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן שענדליכען אנפאל פון די רעוויזיאניסטישע גרופירונגען, אז מיר זאלען האבען כלומרשט טעראריזירט און אנגעפאלען אויף די פרעזידיום-מיטגלידער פון זייערע ליסטעס, ערקלערען מיר, אז דאס איז א שקר מוחלט, דאגעגען איז אמת, אז זייערע פארשטעהער אין די פערזאנען פון די ה"ה בראטמאן און לאסקער האבען אויף א אונערהערטען אופן שיקאנירט אונזערע וועהלער און זיי בשום אופן נישט דערלויבט צו דערפילען זייערע פליכטען.

פאר דעם איבעררייסען פון די וואהלען מאכען מיר זיי פעראנטווארטליך.

דעם קאמף פאר'ן אויפבוי פון ארב. ארץ-ישראל וועלען מיר ווייטער פארטזעצען אונטער אלע אומשטענדען.

דאס פרעזידיום פון בלאק פאר'ן ארב. ארץ-ישראל.

אמשיסקעס מיט'ן ווארצעל.
צו וואס זיך פייניגען און בעקלאגען;
עס האט נישט קיין ציעל צו צענערן
„עבקוואהל" היילט אמשיסקעס
מיט'ן ווארצעל.
פערערט אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאדעס.
LEBEWOHL
אינלענדישע אויסארבייטונג.